STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07264

UNTERVEGNS

Z. Weinper

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אַנדערע ביכער

פון

ז. ווײנפּער

„געקליבענע לידער"

1932

„אידישע שריפטשטעלער"

באַנד 1

1933

גרייט צום דרוק

„אידישע שריפטשטעלער"

באַנד 2

פאַרלאַג

„אויפקום"

נויארק

אונטערוועגנס

פון
ז. ווײנפּער

פאַרלאַג
„אויפקום"
נויאָרק
1934

* * *

וואָס איז אַ ליד?
דער גאַנג פון טריט!
און אַז איך הער,
ווערט מיין געהער,
ווי חלף שאַרף, —
אַ פויק, אַ האַרף,
אַ זעג, אַ פלייט, —
די פיין, די פרייד.

וואָס איז מוזיק? —
אַ מענטשנס בליק
אויף וואָלקן־הויך —
אַ דינער רויך
פון ווינט צעשפרייט,
אַ טייך, וואָס גייט
זיך יאָגנדיק,
זיך שלאָגנדיק.

און טאַנץ, וואָס איז? —
דאָס איז אַ ריס
אַוועק פון זיך, —
דער גאַנצער איך,
ווי ווינט אין פלי
און אַלץ וואָס הי
איז דאָ,
נישטאָ.

ז. וויינפער

נאָר דו ביסט אלץ ! —
די מעל, דאָס זאַלץ,
די שווערע שטריק
און די מוזיק
פון טאַנץ און ליד, —
איך היט, באַהיט
דיך און מיין בלוט
און מיר איז גוט.

אויפ׳ן וועג אַהיין

שטורעמווינט

ווייס פּאַפּיר,
א פּען און טינט, —
עס שלאָגט אין מיר
אַ שטורעמווינט.

העי ווייס פּאַפּיר,
העי פּען און טינט,
פאַרשטילט אין מיר
דעם שטורעמווינט!

ז. ווײַנפּער

אויפֿן וועג אַהין

אויפֿן וועג אַהין וועט אויסקומען אַריבערצושפּאַנען
בײַטן, מיט די אייגענע הענט צעגראָבענע, פֿאַרזעצטע, —
די געוויקסן, וואָס זײַנען איבער זיי פֿאַראַנען
וועלן קוקן, ווי אויגן מיט טרערן אײַנגענעצטע,
נאָר שפּאַנען וועט מען סײַ־ווי מוזן — אָך, ווי שפּאַנען!

אונדזערע טריט וועלן פֿאַלן, ווי פֿרעסלעך אין די הענט פֿון פֿרעסערס
איבער צעקאָרטשעטע געוועבן מיט עקשנותדיקן ווילן,
אונדזערע טריט וועלן שנײַדן שטיקער וועג אַהין, ווי מעסערס
שנײַדן שטיקער ברויט דעם הונגער צו פֿאַרשטילן, —
דאָס ביסל אייגנס וועט קרבן מוזן זײַן פֿאַר גרעסערס.

אודאי איז גאַנץ שווער מיט פֿיס צו טרעטן און פֿאַרטרעטן
דאָס האָב און גוטס, וואָס מען האָט ביז איצט געצערטלט, —
הײַנט פּרי האָב איך מיט מײַן געוויסן, דעם צערעדטן,
געטענהט און זיך היפּש מיט אים צעווערטלט,
נאָר טרעטן וועט מען סײַ־ווי מוזן, — אָך ווי טרעטן!

אַז אָנגעקומען זײַנען טעג, ווי רײַטער פֿון די האָריזאָנטן
מיט לאַסאָס אין די הענט, וואָס וויקלען און פֿאַרציִען,
איז אומזיניק אַנטקעגן זיך צו שטעלן, — אויף וועג דעם אומבאַקאַנטן
וועלן מיר מסתּם אין הייסן זאַמד נישט איינמאָל זיך צעבריִען, —
די הערצער וועלן ווײנען אויף פֿאַרלאָזענעם, דערמאָנטן.

נאָר שפּאַנען וועלן מיר דאָך סײַ־ווי מוזן, — אָך ווי שפּאַנען! —
פֿאָראויס אַ שײַן, וואָס הערט נישט אויף צו בלענדן
און הינטער אונדז? — געוויקסן ציטערן, זיי אָנען, —
עס טראָגט אַ ווינט, ער דראָעט צו פֿאַרלענדן, —
אוי, לעבנס אונדזערע! — איז דען אַן אַנדער וועג פֿאַראַנען?

פאָעטן און עסטעטן

א מענטש, וואָס קאָרטשעט זיך פון קעלט,
צעקאָרטשעט דאָך אַ טייל פון אונדזער וועלט.
איז וואָס זשע דאַרף מען טאָן? — מען דאַרף
פאַרלאָזן אויף אַ ווייל די האַרף
און נעמען נאָדל-פּאָדעם אין די הענט, —
עסטעטן און פּאָעטן, אַלע, וואו איר זענט,
איז דען אַ בושה אויסצוקערן אייגן הויז?
עס איז די וועלט אויך אייגנס, נו טוט מען אוים
די שניפּסן אויף אַ ווייל און מען קערט,
פאַרקערט מיט בעזימער דעם ברוד פון אונדזער ערד.

עס איז דאָך נישט עסטעטיש און פּאָעטיש, ווי עס איז! —
וואָס ברענגט צו אונדז די גבורה פונ׳ם ריז,
אַז שטריק אויף זיינע פיס און זיינע הענט,
וואָס ברענגט צו אונדז דער שפּילעוודיקער בלענד
פון זון אין הימל, אַז זי גרייכט ניט צו דער קעלער־שטוב,
און צו דעם מענטש, וואָס גראָבט זיך אין דער קוילנגרוב.
עסטעטן און פּאָעטן אַלע, קומט אהער, —
צי לעבערט דען נישט אייער איידעלן געהער
דאָס שרייען פון דער גרויער, הוילער נויט
נאָך דאָך אויף קאָפּ, נאָך מלבוש און נאָך ברויט?

די זון פֿאַרגייט? — נו, זאָל זי זיך פֿאַרגיין!
אויף מאָרגן וועט זי אויפֿגיין נאָכאַמאָל גאַנץ שיין,
צי זינגען וועלן מיר פֿון איר, צי נישט, —
מען זאָגט, אַז לעפּל אין געקעכץ, וואָס מישט
איז מערער ווערט, ווי אַלע לידער צו דער זון —
נו, וואָס זשע איז געדרונגען, פֿרעגט איר מיך, דערפֿון? —
עס איז געדרונגען, אַז עס איז נישט גוט! —
עסטעטן און פּאָעטן, — איך בין דאָס בלוט פֿון אייער בלוט
און וויים, אַז מיינע רייד איצט זיינען אויך נישט מער, ווי ליד,
נו, איז דערפֿאַר פֿאַרוואָלקנט מיין געמיט,
עס וויינט אויף קראַנקייט מיינער אייגענער, ווייל קראַנק
בין איך, אַזוי ווי איר, אויף לידער און געזאַנג.

אין יענעם לאַנד

אין יענעם לאַנד זינגען זיי פון דער מאַרטי
און פון דעם דניעפּראָסטראָי.
און זינגען, זינגען זיי נאָך ווי! —
צעגאַנגגען ווערט דאָס גרוי,
ווען נאָר מען הערט זיך צו, —
עס איז, ווי גרוסן ליכטיקע
פון ערגעצוואו.
עס איז ווי פינגער ציכטיקע,
וואָס גלעטן דיך אַזוי, —
אין יענעם לאַנד זינגען זיי פון דער מאַרטי
און פון דעם דניעפּראָסטראָי
און זינגען, זינגען זיי נאָך ווי!

אין יענעם לאַנד באַדאַרפן זיי
דאָך נישט אַזעלעכע ווי מיר,
אין יענעם לאַנד באַוואַרפן זיי
מיט שטיינער אַזעלעכע ווי מיר,
פאַרוואָס? פאַרוועו?
מסתמא ווייסן זיי, —
די טעג, וואָס האָבן נייע וועלט דערזען
הייסן זיי
אַזוי צו טאָן
און מיר דאָ היי?
פאַרשפּילט איז אונדזער קאָן,
פאַרשפּילט נאָך ווי!

אין יענעם לאַנד זינגט הויך די פרייד
פון יעדן שטיין, —
אין יענעם לאַנד, — קיינער גייט
דאָרט נישט אַליין
און מיר דאָ הי? —
העי, בענקשאַפט מיינע, קרענקלעכע!
אָט זיץ איך און איך צי
אַ פּאַפּיראָס אין מויל און בענקלעכע
די אויגן מיינע קוקן
צו וועמען און וואוהין? —
איך פיל, — די אַקסל מיינע צוקן, —
עך, גאָרנישט, וואָס איך בין!

אונדזער וועלט

אַז אַ קינד וויל אַ שטיקל ברויט
און קיין ברויט איז נישטאָ אין הויז,
ווערט דעם טאַטנס פּנים פון בושה רויט
און די מאַמע ווישט אַ טרער זיך אויס.

טאַטע־מאַמע קוקן פאַרטרויערט זיך אָן
און זאָגן שוין גאָרנישטנישט,
ווייל, וואָס קאָן מען דען זאָגן און טאָן,
אַז אין הויז איז נישטאָ גאָרנישטנישט.

טאַטע לאָזט זיך אַוועק אויף דער גאַס
צו זוכן אַ שטיקל ברויט פאַרן קינד
און די מאַמע פאַרטרויערט און בלאַס
ציטערט, ווי אַ בלאַט פונם ווינט.

וועט ער ברענגען, כאָטש וואָס סע נישט איז?
פרעגט די מאַמע ביי זיך אַלע וויילּ
און דער טאַטע טראָגט זיינע הענט, זיינע פיס
איבער גאַסן פון שטאָט אין געאייל.

ז. וויינפער

וואָס טוט דען אַ הונגעריקע חיה אין וואַלד?
זי לויפט אום מיט ציין שאַרף פאַרקריצט, —
די שטאָט איז דאָך אויך, ווי אַ וואַלד,
און דער טאַטע איז אַ חיה אויך איצט.

אין ווילדן וואַלד פרעסן חיות זיך אויף,
יעדע ווער נאָר ווען עס קאָן
און אין שטאָט איז קויף און פאַרקויף
יעדער ווער נאָר ווען עס קאָן.

ליגט דער טאַטע פאַר אביסעלע געלט
זיינע הענט צום פאַרקויף יעדערן פאָר, —
אָט אזוי, איז שוין די איצטיקע וועלט, —
אַ וועלט, — אויף איר אַזאַ יאָר!

דאָס געזעענע און געשעענע

אינמיטן פון דיין וועג
באַווייזן זיך אַמאָל די טעג,
וואָס האָסט באַגעגנט ביי דעם אָנהויב גאַנג.
דו קוקסט זיי אָן, — דו האָסט זיי אַזוי לאַנג
דאָך נישט געזען.
און מאָדנע, — סע גאָרנישט נישט געשען, —
עס זיינען דאָך די זעלבע טעג,
ווי ביי דעם אָנהויב פון דיין וועג.
עס האָט קיין זעג זיי נישט צעזעגט,
עס האָט די צייט זיי נישט באַפלעקט,
עס האָט קיין ווינט זיי נישט געבויגן, —
דו קוקסט אויף זיי מיט דיינע אויגן
און גייסט זיי נישט מיט פרייד אַנטקעגן, —
דו פילסט, אַז בלויז פאַר דיינעטוועגן,
האָבן זיי שלעפּן זיך אַהער שוין נישט בעדאַרפט, —
דאָס מעסער, וואָס דו האָסט געשאַרפט
דורך אַזויפיל יאָרן
איז טאַקע שאַרפער נאָך געוואָרן.
נאָר קיין עפּעלע פאַר זיי וויל דאָס מער נישט שיילן, —
שוין בעסער טונקעלע, נאָר נייע היילן
איידער וועגן ליכטיקע
איידער שעה'ען ציכטיקע,
וואָס שוין געזען, —
דאָס גליק, וואָס איינמאָל איז געשען,
געשעט נישט נאָכאַמאָל שוין מער, —
וואָס דאַן אַ טויב, איז איצט אַ בער.

אונטערשייד

נו יאָ, איך בין אַ זון פון אַ טאַטן, וואָס האָט באַטראַכט
שמולקע דעם שוסטער און יאָסל דעם שניידער פאַר קלענער פון זיך,
כאָטש יענע האָבן אַזעלעכע שיינע מלבושים און שיך
פאַר אונדזער גאַנצער משפחה אויף יום־טוב געמאַכט.

מיין טאַטן, דעם למדן האָט מען גערופן: ר׳ יצחק-לייב
און דעם שוסטער און שניידער: שמולקע און יאָסל, נישט מער,
נאָר איך האָב קינדווייז דאָס ליד פון דער דראַטווע און שער
פאַרנומען, ווי דאָס ליכט פון דער זון דורך דער שויב.

דעם טאַטנס אַ ניגון ביים ספר, — אַ צעבלעזלטער רויך,
וואָס גייט אויף אין דער הויך, צעגייט און פאַרשווינדט
און דאָס ליד פון דער דראַטווע און שער, ווי דער ווינט,
וואָס טרייסלט די צווייגן אויף דיביימער מיט כוח.
איז אַנטקעגן וואָס זשע איז דאָס געקומען צורייד? —
אַנטקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט: „אונטערשייד!״

גאָרנישטנישט

אין דרויסן שנייט, —
צונויפגעדרייט
שפּאַנט ראַש די גאַס —
קאַלט און נאַס.
פון טראָטואַר
צום שטאָט־ווירוואַר
שטרעקט אויס די האַנט
אין פּיין און שאַנד
דער קיינערנישט,
דער גאָרנישטנישט.

געהאַט אַ ווייב,
נישטאָ דאָס ווייב.
געהאַט אַ קינד,
נישטאָ דאָס קינד, —
וואו זיינען זיי?
עס פאַלט דער שניי
אראָפּ, אראָפּ,
אזוי דער קאָפּ
פון גאָרנישטנישט,
פון גאָרנישטנישט.

אמאָל געווען, —
נו, איז געשען,
עס איז באַקאַנט, —
אַ מענטש ביים ראַנד
פון אונטערגאַנג,
איז אויך געזאַנג,
נאָר וואָס־זשע דען? —
אַ מאָל געווען,
איצט קיינערנישט,
איצט גאָרנישטנישט.

— העי, ברודער, וואַרט! —
זיין קול איז האַרט,
זיין מידער בליק
אַ נעץ, אַ שטריק,
פאַר אַ געפאַנג, —
די שטאָט אין גאַנג
נישט הערט, נישט זעט,
זי טרעט, צוטרעט
דעם גאָרנישטנישט,
דעם קיינעמנישט.

זינגט קיינערנישט
צום גאָרנישטנישט
אַ ליד אַזאַ:
— נו, וויין נישט, שאַ!

אונטערוועגנס

נישטאָ פּאַרוואָס, —
עלהיי ביסט גראָז
עלהיי ביסט ווינט, —
דאָס ווייב, דאָס קינד?
ס׳איז גאָרנישטנישט,
ס׳איז קיינערנישט.

די אָוונט־שעה?
אָט איז זי דאָ, —
דער שטאָט־ווירוואַר
אויף טראָטואַר
בלייבט שטיין אַ ווייל
אין דעם געאייל, —
אַ מענטש? אַ מת?
אָן אַן אַדרעס?
ס׳איז קיינערנישט,
ס׳איז גאָרנישטנישט.

ברודער מיינער

זאָל נישט טרעפן וואָס עס טרעפט זיך, —
ים פון סם, — ער שעפט זיך, שעפט זיך
און ער איז נישט אויסצושעפן.
גילאָטינען קעפן, קעפן, קעפן
און די קעפ זיך מערן, מערן, —
צו וואָס געבערן אויף פאַרצערן?

נאָכט די פינצטערע דורך שויבן
לעשט צובּיסלעך אוים דעם גלויבן, —
וואָס זשע בלייבט דאָ איבער?
נאָכט די פינצטערע אין פיבער
ווען נאָך היינט א שאָף געבערן,
וועט זיין פון וואָס די וואָל צו שערן.

דורך די נעכט פון שווער געוויטער,
שאָף געשוירענע אין קאַלטן ציטער.
וואָל פון זיך אוועקגעגעבן. —
איצטער בעטן זיי ביים לעבן
מיט א שאָפּעדיקן ציקל:
שענקט א ניקל! שענקט א ניקל!

הונגעריקע איבער אַלע גאַסן
שלעפּן אום די פּיס געלאַסן,
ווייל נישטאָ וואוהין צו איילן.
בייט מען מיילן אוים אויף מיילן, —
וואָס נישטאָ, איז נישט באַדויערט,
וואָס איז דאָ, איז פרעמד באַטויערט.

קאַלטע, פייכטע שטעכעדיקע טראָפּנס
וועקן אַלעמען פון דעם צוקאָפּנס
און זיי לאָזן אונדז ניט שלאָפן —
וואָס זשע האָט אַזוינס געטראָפן?
ברודער מיינער, האַרץ צעעפן,
זאָל אַזוינס זיך מער נישט טרעפן!

פאָרזיכטיק, ברודער!

רעגן און ווינט.
איבערן הימל כמאַרעס שוואַרץ, ווי טינט.
שטורעמדיק וועטער איבער אונדז! —
אין אַזאַ צייט איז אַ קונץ
דאָס גלייכגעוויכט צו האַלטן.
די פּיפּערנאָטערס וויסטע וואָס האָבן באַהאַלטן
אויף אַ צייט די קעפּ אונטער די דילן
פון חורבות און פאַרוואָרלאָזטע מילן,
זיינען איצטער ווידער אין די גאַסן
און אין פרעכע משוגעתן
טענצלען זיי אין שוואַרצע קרענץ
די ווילדסטע וואַקכאַנאַליע־טענץ.

אין דייטשלאַנד — די היטלער־וואַקכאַנאַליע,
מוסאָליני — אין איטאַליע,
דאָלפוס אויך. —
דער טייפל קאַטשעט ווילד זיך אויפן בויך
פון ווילד געלעכטער איבער אונדז, —
אין אַזאַ צייט איז אַ קונץ
צו וויסן ווער איז ווער.
אין טעג ווען „סעניאָר" און „הער"

פוצן אוים זיך ביז קאָמיזם
אין היטעלעך פון סאָציאַליזם, —
אין אַזעלעכע צעמישטע טעג,
פאַרזיכטיק, ברודער, אויפן וועג!

אוודאי איז דעם אידנס גורל נומער־ערגער,
אָבער אין די האַרטע לאַפּעס פון די ווערגער
איז דער איד אַליין נישט אַלץ, —
עס כאַרכלט אויך דער האַלדז
פון איטאַליענער און פון דייטש:
מוסאָלינים בייטש
און היטלערס שווערד. —
עס קרעכצט דער האַרעפּאַשניק איבער זייער ערד
און אין די שטאַטן פון אַמעריקע
האָבן אַלע היטער פונם גאָלד, פון פּחד און היסטעריקע,
די נייע „ניראַ"־תורה פּראָקלאַמירט.
עס האָבן לעצטנס אַלע וועלף אין וואַלד זיך אויסגעצירט,
אין פעלעכלעך פון לעמעלעך און אין פעדערן פון טויבן,
כדי לייכטער צו פאַרצוקן, כדי לייכטער צו באַרויבן
די הענט ביים האַמער, רידל, סערפּ און זעג, —
פאַרזיכטיק, ברודער, אויפן וועג!

רעגן און ווינט,
איבערן הימל כמאַרעס שוואַרץ, ווי טינט, —

ז. ווייכּער

איז טרויעריק צווישן אונדז, —
אין אַזעלעכע טעג איז אַ קונץ
צו וויסן וואו אַ פוס צו שטעלן.
נישט אַלע שוועלן,
וואָס פירן
צו אויפגעפּראַלטע טירן,
ברענגען אונדז אין הייזער.
נישט יעדער ווייזער
אויף אַ זייגער ווייזט די צייט אונדז אָן.
נישט יעדע פאָן,
וואָס פלאַטערט אין דער לופט
רופט
און ווייזט דעם אויסדערוויילטן וועג, —
אין אַזעלעכע צעמישטע טעג
פאַרזיכטיק, ברודער, אויפן וועג!

טרויער

בײ יעדן טיר,
בײ יעדן טויער
קוקט אויף מיר
דער טרויער
מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
וואָלט זיך נאָר אין מיר געוועגט,
וואָלט איך אים אויסגעבאָדן
און בײ אַ טיש באַלאָדן
מיט שטרודל און מיט פלאָדן
אים אוועקגעזעצט מיט מיר
אַז נישטאָ קײן װײן, טרינקט מען ביר.
— הײ טרויער קום מיט מיר
אַ גלעזל ביר
אַ טרינק טאָן!
די גלעזער וועלן אַזאַ קלינג טאָן,
אַז אַלע שויבן
וועלן טרײסלען זיך דאָ נעמען
און גאָט פון אויבן
וועט זיך דאָרט פאַרשעמען.

ז. ווײַנפּער

דער פּלאַן

אַז גאָרנישט וועט געטאָן ווערן בלינד
וועלן פייער און וואַסער און ווינט
געצווימט זיין פון מענטשנס פאַרשטאַנד
און זיין האַנט.
און אַלץ, וואָס נאָר איז פאַראַן
וועט גיין אינם שפּאַן.

פּוסטאַונפּאַס
וועקט צו זיך האַס
און מיט רעכט.
ער נעמט פאַר זיך די טעג און די נעכט
אויף רו און אויף שפּיל
און אויף אַלץ, וואָס ער וויל
און לאָזט אַן אַנדערן גאָרנישט נישט האָבן, —
מען דאַרף באַגראָבן
און ווישן
פאַרווישן
דעם פּוסטאַונפּאַס
און דעם האַס.

ביז אהער! ביז אהער!
געווען איז נישט מער.
ווי ברויט מיט פּאַסאָליעס
פאַר הענט מיט מאַזאָליעס

און אָפּטמאָל דאָס אויך נישט פאַר זיי
בעת פאַר הענטעלעך ווייסע, ווי שניי
אַ באַלאָדענער טיש
מיט פלייש און מיט פיש
מיט וויין,
מיט שיין
און קאַוויאַר.
געווען איז אַ קנעכט און אַ האַר
ביז אהער! ביז אהער!
איצטער נישט מער!

די פיין און די שיין, —
יעדערנס פיין! יעדערנס שיין!
ווי מיט וואסער, אזוי מיט׳ן וויין, —
יעדערנס חלק
איז הייליק.

עמיצנס כוח — יעדערנס כוח!
דערזעט איר אַ רויך,
אָדער אַ פאַרע,
זייט מוחל און מאַכט זיי אַ וואָרע,
ווייל אין זיי אונדזער כוח.
מעקוי און איוואַן, קושינסקי און נוח —
אַלע, אַלע אין שפּאַן
לויטן פּלאַן.

עמיצנר מוח — אַלעמענס מוי. —
עס גייט אויף מיט אייזערנעם כוח
דער מענטש צו אַ וועלט אַ באַפּרייטער,
צו אַ וועלט אַ באַנייטער, —
טריט אין טראָט,
לויט דעם נייעם געבאָט,
לויט געלייטערטן ווילן.
און עס דרייען זיך פליגל אויף מילן
און עראָפּלאַנען, —
עס זינגען די רעדער פון באַנען.
וואו מען גייט,
וואו מען שטייט,
דאָס געזאַנג פון דער פרייד,
ווייל דאָס ברויט
און דאָס קרויט
און די זאַלץ, —
אַלצדינג און אַלץ,
וואָס ווערט
אויף דער ערד
און וועט ווערן,
געהערן
צו אים און צו איר,
צו דיר און צו מיר,
צו יעדן פון אונדז, —

עס איז נישט קיין קונץ
פון שווארצקינסטלערישער האנט,
נאָר פארשטאנד
און דער פּלאַן,
וואָס פאראַן.

קארל מארקס האָט פארקלערט,
און באשערט
איז דעם איצטיקן דור
דאָס צו זען אויף דער וואָר

ז. ווייגבער

דער אָקס און יאָך

דאָס לעבן קרישלט אָפּ פּאַר אונדז
שטיקלעך פרייד,
און ווער עס קאָן די קונץ,
די הענט צעשפּרייט
און כאַפּט אַביסל מער.
אין ווילדע בערג
איז שטאַרק דער בער
און אויף די רוישיקע מערק
איז שטאַרקער נאָך
דער זאַק מיט גאָלד.
דער אָקס און יאָך
און איך, דער יאָלד, —
מיר אַקערן די ערד, —
מישטיינס געזאָגט, וואָס זי קאָן געבן!
מיר ביידע ווערן דאָ דערנערט
מיט קרישעלעך פון לעבן.

פריידל־פרייד

עס טרעפט אמאָל אין מיטן דרינען,
וואו איך זאָל זיך נישט געפינען,
קומט פּלוצלונג אָן די פרייד.
— העי, פריידל־פרייד,
וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?
דארפסטו א קארטאָפליע שאָבן,
איז מיין מעסער שארף.
— מען דארף!
זאָגט זי:
נאָר קארטאָפליע איז נישט הי.
— וואָס זשע דען איז דאָ,
אז קיין קארטאָפליע איז נישטאָ?
— גאָרנישטנישט איז דאָ!
צעלאכט זיך פריידל־פרייד
און פארגייט.

ז. וויינפּער

דער איצטיקער דור

דער איצטיקער דור
רייסט דעם שלייער פון זיך, —
די נאַקעטע וואָר
אָן מלבוש, אָן שייך,
מיט צעפּאַטלטע האָר.

דער איצטיקער דור, —
מיט לאַמטערן אויף אַלץ.
ער ליאַרעמט אין כאָר:
דאָס ברויט און דאָס זאַלץ
איז די איינציקע וואָר.

די בעטלערין — די איינזאַמקייט

ווי אַ בעטלערין ביי פרעמדער טיר,
בעטלט היינט מיין איינזאַמקייט ביי מיר
אַביסל פרייד פאַר זיך אַליין.
אין דרויסן, זאָגט זי, איז היינט שיין, —
אַ זון אַ לויטערע און פריש די לופט
און קול פון לעבן רופט און רופט
זיך אָפּצוגעבן אויף אַ ווייל צו דעם.
ליינ צו דיין אויער, זאָגט זי, און פאַרנעם
דעם רוף פון אָט דער שעה,
וואָס איז איצטער מיט דיר דאָ
און וועט שפּעטער דאָך נישט זיין שוין מער, —
די איינזאַמקייט, — זי לעכערט מיין געהער
מיט אירע שטילע, צאַפּלדיקע רייד
נאָך אַביסל שוימעדיקע פרייד.

זי זאָגט, —אָט זע, איך בין אין דיין רשות,
נאָר האַנט, וואָס גיט צו דעם, וואָס בעטלען מוז
איז אַ געבענטשטע און אַ גוטע האַנט.
בפרט, זאָגט זי, איז נישט קיין שאַנד
צו געבן עפּעס־וואָס צו זיך אַליין, —
אָ, האַרץ מיינס! — הלואי וואָלסטו שוין, ווי אַ שטיין
געוועזן פאַרטריקנט, זאַפּטלאָז, האַרט, —
די איינזאַמקייט, — זי שטייט און וואַרט
מיט אויסגעשטרעקטע, הונגעריקע הענט, —
דער בליק ביי איר צעגליט, צעברענט,

ווי אויפגעטויכטער קוילנפלאַם,
דערלייזט צו ווערן אין דעם טעם,
וואָס גיבן קאָן בלויז אָט די שעה,
וואָס איז מיט אונדז אָט איצטער דאָ.

און וואָס אזעלעכס בעט זיך דען? —
זי האָט אַ שפּילצייג דורכן שויב דערזען,
האָט זי פאַרגעסן אָן דעם נייעם וועלט־באַנעם
און וויל, אַז איך זאָל שפּילן זיך מיט דעם, —
דאָס שפּילצייג איז, אַ שטרוי און זייפנשוים,
וואָס אַז מען בלאָזט, גייט אַ בלעזל אויף אין רוים.
קיין נוצן האָט דערפון דאָך קיינער נישט,
נאָר אַז מע טוט דאָס, ווערט מען, ווי דערפרישט
און פרישקייט מיינט דאָך פרייד, —
די פרייד פון שפּיל אויף פליט, —
צי גאָר אָן א ציל, אָן זין, און אָן פאַרוואָס
אַ וואָרף טאָן און צעקאַטשען זיך אויף גראָז
און אויפזינגען אַ ליד צום חלום, וואָס ווערט וואָר,
ווען זון און לופט אַרום, צו אַלדי גוטע יאָר!

די איינזאַמקייט — איך רייד צו איר פון אונדזער צייט
נאָר זי באַנעמט נישט דעם באַדייט
פון וואָרט, וואָס גייט אויף פון מיין מויל.
איך רייד צו איר פון וויסטן גרויל,
וואָס הערשט מיט שווערד אויף אונדזער ערד.
איך רייד צו איר פון דעם, וואָס ווערט פאַרצערט

אין אונדזער לעבן דאָ אויף יעדן טראָט,
ווייל יעדער פירט זיך לויט זיין אייגענעם געבאָט.
איך רייד צו איר און מאַך איר קלאָר, אַז אָט די שעה
איז נישט קיין שעה פאַר זיך אַליין, אָט דאָ
אויף אויסצולעבן זיך אין זייפנבלאָז, נאָר איז אַ טייל
פון עפּעס מער, נאָר רייד צו איר און גיי דערציייל
פון דאָס און דאָס און דעם און דעם,
אַז זי באַנעמט דאָך נישט דעם נייעם וועלט־באַנעם.

ווי אַ בעטלערין ביי פרעמדער טיר,
בעטלט היינט מיין איינזאַמקייט ביי מיר
אַביסל פרייד פאַר זיך אַליין,
נאָר איך וועל זי דאָרט לאָזן שטיין
מיט אירע אויסגעשטרעקטע, הונגעריקע הענט,
ווייל נייער גאָט האָט סיווי שוין פאַרלענדט
דאָס זינלאָזע פון מיינע נעכט און טעג.
פאַרוואָר, — נישט היימיש איז מיר נאָך דער נייער וועג,
נאָר אַלטער האָט נישט מער, ווי חלום בלויז געהאַט
און איך בין פון חלומות ביזן האַלדז שוין זאַט.
דער שטרוי און זייפנשוים? דאָס פלייטנשפּיל?
נאָר שענער זיינען פליגל אויף אַ מיל,
וואָס דרייען זיך און מאָלן מעל דערביי
און מענטשן עסן און זינגען פריילעכע און פריי.

ז. װײנפּער

אונדזערע איצטיקע טעג

עס װאַרט אויף אונדז די שטראָף פון די באָרװעסע ברידער,
װאָס מיר האָבן געלאָזן אַליין אויף די פראָנטן.
זיי שטייגן אָן אונדז דאָרט עקשנותדיק ארויף פון דער נידער
און הענט מוסקוליאַרנע מאַכן רעמאָנטן
אין אַלע װינקלען און ערטער, װאָס זיינען פאַרװאָרלאָזט געװאָרן
פון דיר און פון אים און פון מיר דורך יאָרן און יאָרן.

די באָרװעסע ברידער, — מיט בעזעמער קערן זיי, קערן
די בערגלאַך מיט מיסט אויף די װעגן און שטעגן.
געדאַרפט האָט כאָטש זיין יעדער איינער פון אונדז אַ לאַמטערן
צו װאַרפן מיט שיין דורך די נעכט זיי אַנטקעגן
און געװאָרן זיינען מיר דאָס, װאָס מיר זענען, —
די בערגלאַך מיט מיסט, װאָס זייערע פייערן ברענען, פאַרברענען.

איז אפשר די שטראָף אַ פאַרדינטע פאַר די זינד, די באַגאַנגענע, —
אַז װאויל איז צו דעם, װאָס קאָן כאָטש אין הארצן זיך שלאָגן
על חטא שחטאנו פאַר די זינד די פאַרגאַנגענע, —
דער שטורעם, װאָס טראָגט זיך, װעט טראָגן, צעטראָגן
די װייכע געזעסן אויף שטולן ביי די װאַרעמע הרובעס,
נאָר איבערלאָזן װעט ער די דעכער איבער קעפּ פון בעל־תשובות.

און תשובה טאָן דאַרפן מיר אַלע,—מיר האָבן נישט געטראָגן קיין ציגל,
נישט געמישט קיין צעמענט די נייע געביידעס צו בויען, —
אין אַזעלכע טעג, ווי די איצטיקע האָבן מיר פאַררייגלט די ריגל
פון אונדזערע טירן און אין אייגענע איכן זיך נישט אויפגעהערט רויען,
זיך די שניפּסלעך געבונדן, די לאָקן נישט אויפגעהערט קעמען, —
די אייגענע איכן, — אַז דער ריח זאָל אונדז נעמען.

די איצטיקע טעג, — חשבונות מיט ציפער גענויע,
וואָס טייטלען אויף אונדז מיט בעל־חובישע פינגער
און דראָען, ווי כמאַרעס שווערע און גרויע, —
אין אַזעלכע טעג, ווי קאָמיש מוז זיין יעדער זינגער,
וואָס טרילט צו דעם זונשיין אויף אייגענעם פענצטער, —
מעג זיין יענער זינגער דער פיינסטער, דער שענצטער.

אונדזערע איצטיקע טעג, — זיי מאָנען, ווי ציפערן קאָנען
און לאָזן אונדז אָפּט דורך די נעכט דאָ נישט שלאָפן, —
אונדזערע איצטיקע טעג, — הענט אויסגעשטרעקטע, וואָס מאָנען
און איילן אין פויסטן צונויף זיך פאַר עברות צו שטראָפן,
וואָס ווערן באַגאַנגען פון דיר און פון מיר און פון יענעם, —
די איצטיקע טעג, — ליכט פון גן־עדן און פלאַם פון גיהנום.

אין אַזעלכע טעג, — וואו נעמט מען דעם כוח צו פאַרשטומען די סאָלאָ
אין אייגענעם בלוט, וואָס געגלעט האָט די זאטע אין שטולן צעלייגטע.
אין אַזעלכע טעג, — וואָס פאַר אַ ווערט האָט די ראָלע
פון דעם אָדער יענעם אַקטיאָר? — אין ליאַרעם פון בוימער צעלייגטע
וואָס שטורמווינט רייסט אויס און וואַרפט פאַרנאַנדער די צווייגן, —
סאַרא ווערט דאָס געזאַנג האָט פון פייגל און שטייגן.

ז. וויינפער

דער שטורעם־צעפלאַמטער! — ער קנוילט זיך אַריבער און אונטער
און מיר צווישן זיי אין גליאיקע זשאַרן צעקוילטע.
נאָר כשופּדיק שיין איז ער פּאָרט, — א רויטער, ווי צונטער
גליט ער זיך פאַרנאַנדער פון רויכן געדיכטע, צעקנוילטע
און פונקט, ווי דער עמוד־האש פון אמאָל, אזוי לויטער,
נאָר דער איז נאָך שענער, דער איז אַ רויטער!

אונדזערע איצטיקע טעג, — שטורעמס פון ערגעץ געקומענע,
זיי רייסן אויף פעסטונגען שטאַרקע און ווישן אָפּ צאַמען,
זיי שרייען און ברומען מיט קוילעס שטאַרקע, באַנומענע.
אונדזערע איצטיקע טעג — אַ לעבן אויף זייער טאַטן און מאַמען —
זיי לעשן אוים קינדלעך, וואָס האָבן געפלאַמט דורך די דורות,
און שיינען אליין אויף צעהעלטער פון באַגילדטע מנורות.

בירא בידזשאן

פון מאָסקווע ביז ניו יאָרק און נאָך ווייטער,
צעטראָגט זיך די בשורה און רופט אויפ׳ן קול ;
ביז אַהער א פונק אין יעדערנ׳ס שייטער
און איצט אייגענער פלאַם אויף בארג און אויף טאָל.

דער אייביקער, ווינטיקער וואנדערער
אויף אַלע וועגן, וואָס זיינען פאראַן —
ער שפּאַנט איצט באַנייט, נאָר אַן אַנדערער
אויפ׳ן וועג קיין בירא־בידזשאן.

פון ווינטיקן, ציללאָזן וויכער
צו ארבעט און אויפבוי אויף לאַנד ;
דער וועג איז א שווערער, נאָר זיכער,
ווייל געפירט דורכ׳ן ראַטנפארבאַנד.

פון מאָסקווע ביז ניו יאָרק און נאָך ווייטער
מען הערט און מען שטוינט, נאָר מען גלויבט ;
דער אידישער מענטש — א באַנייטער
פארריכט, וואָס געווען איז צעשטויבט.

ז. ווײנפער

דער איד אויף זיין ערד, דאָ צעאַקערט,
דער איד אונטער אייגענעם דאַך,
מיט לידער ביים אייגענעם פייער צעפלאַקערט
דער איד אויף זיין אייגענער שפראַך.

דאָס איצטיקע דייטשלאַנד, נאַציסטישע
אין פאַרגאַפונג דעם אויער שטעלט אָן ;
די ראַטנמאַכט, די קאָמוניסטישע,
זי האָט עס באַוויזן, געטאָן.

דער אייביקער, ווינטיקער וואַנדערער
צופוס און אויף שיף און אויף באַן —
ער ווערט איצט אַ נייער, אַן אַנדערער
אויף דער ערד פון ביראָ־בידזשאַן.

אונדזער שכן יאַפּאַן

די פאַרשלאָפענע ערד אין בירא־בידזשאַן
וועקט זיך פון פּלוצלונגדיקע קולות יארידישע.
עס גלאָצט מיט די אויגן דער שכן יאַפּאַן
אויף די איבערוואַנדערער, די אידישע.
מען האָט ביז אַהער נישט געזען קיין געוואַגטערס,
ווי דאָס, וואָס גייט אָן אויף יענער זייט גרעניץ.
געקומען מענטשן מיט לידער און טראַקטאָרס
און אָפּגעווישט דעם ריזיקן געניץ,
וואָס האָט דאָס מויל דאָרט געצויגן, געריסן.
געקומען מענטשן פון ווייטן און זיך איינגעביסן
מיט עקשנות'דיקע נעגל און ציין
אין דער ערד, אין דעם בוים, אין דעם שטיין.

עס גלאָצט מיט די אויגן דער שכן יאַפּאַן
און ווייסט נישט צי שעלטן, צי בענטשן
און די פאַרשלאָפענע ערד פון בירא־בידזשאַן
וואַכט אויף אונטער טראָטיקע טריט פון די מענטשן,
וואָס זיינען געקומען פון ווייטן אויף איר.
עס קוקן מיט נייגער די בערג און די טאָלן,
ווי מענטשלאַכע הענט טוען זיך דאָ א צעפיר
און גענומען די ערד דאָ ארום איבערמאָלן, —
וואו א קאָרטש, צי א זומפּ, צי א גרוב
דאָרט א גאָרטן, אַ שטאַל און אַ שטוב
ביז אַהער דאָס זשומען פון פליגן און קלאַפּן פון שלאַנגען
און איצטער מאַשינען און מענטשן געזאַנגען.

ביים מזרח'דיקן טייך, דעם אַמור
די קאַמאַרן אין שוואַרצע וואָלקנס געדיכטע
ווערן פאַרשווינדן ביים אויפשטייג פון אַגריקולטור.
עך וועט עס די נייע און נייסטע געשיכטע
האָבן צו שרייבן און שרייבן פאַרשרייבן
וועגן ראַשיקן אויפבוי ביי אַמורישע ברעגן.
אידישע פּאַסטוכער טשערעדעס טרייבן,
אידישע אַרבעטער מיט האַמערס און זעגן, —
מיט פריידיקן ווילן און אויפבוי אין קול
שלאָגט די האַק אויף באַרג און אין טאָל
איבער ערד פון דער ברייטער ביראָ־בידזשאַן, —
עס קוקט מיט פאַרגאַפונג דער שכן יאַפּאַן.

ער טראַכט זיך, איז אָט וואָס עס טוט דאָרט
די רויטע מאַכט פון די אַרבעטער ראַטן!
נישט בלויז מיט דער פראַזע פון וואָרט,
נאָר מיט קלאָרע און אָפענע טאַטן
באַווייזט זי דער וועלט דאָ א מוסטער.
דער נעכטיקער בטלן, דער קרעמער
איז היינט דאָ אַ סטאָליאַר, אַ שוסטער, —
אַ פרייד, כאָטש נעם שעפּ מיט אַן עמער
און טייל אוים איבער גאָרער ערד צו די מענטשן.
עס וואַקלט דער קרעמער, נאָר וואָרט אויף צו בענטשן
דעם אידישן אויפבוי אין ביראָ־בידזשאַן
צאַפּלט אויף אינ'ם אַרבעטער־האַרץ פון שכן יאַפּאַן.

ארויסט מיט די פאַקלען

ניִשט איצט איז די צייט אויף צו וואַקלען,
ניִשט איצט איז די צייט פאַר קיין ספקות, —
עס איז דאָך אַן אומזין צו מאַכן סך־הכל'ען,
ווען וואָגן מיט משא ביים אָנהויב פון וועג איז.

דער וועג איז א האַרטער, דער וועג איז אַ שווערער,
נאָר ער וועט פון רייד פאַר אונדז לייכטער ניִשט ווערן, —
דאָס פינגער־געדריי אין דער לופט אין דער לערער
איז גוט פאַר'ן בטלן צו ציילן אין הימל די שטערן.

אַז אונדז איז אַ ערד דאָ געגעבן געוואָרן,
בעדאַרף מען פאַרדינען די ווערט זי צו האָבן, —
עס איז נאָך ניִשט קיינמאָל קיין ווייץ און קיין קאָרן
געוואָקסן אָן אַקערן, זייען און גראָבן.

פאַרשטיינערט דאָס אָרט? — מיט די נעגל צוקראַץ עס,
מיט אייגענעם שוויים מאַך עס ווייכער און האָב עס, —
עס האָבן ניִשט איינמאָל אין וועג שוין פאַרטריקנטע מצות
געגעסן אונדזערע זיידעס און באָבעס.

ז. ווײַנפּער

מען דאַרף איצט צעמענט פֿאַר אַן אויוון צום באַקן,
מען דאַרף איצט אַ האַק אויף צו בויען אַ שײַער,
מען דאַרף איצט אַן עמער צו שעפּן אַ טרונק, אַ געשמאַקן
און מוטיקע לידער פֿאַר'ן אָוונט בײַם פֿײַער.

מען דאַרף איצט אַן אַקסל, אַ האַנט און אַ שולטער,
מען דאַרף איצט דאָ ווילִיקע טריט אויף צו טרעטן, —
עס יערט אַזוי לאַנג אונדזער טײג אין דער מולטער
און וואַרט אַלץ אויף הענט, וואָס זאָלן צוקנעטן.

נישט איצט איז די צײַט אויף צו וואַקלען,
נישט איצט איז די צײַט פֿאַר רייד, ריידערײַען, —
ארויסט אויף די וועגן און צינדט אָן די פֿאַקלען
אנטקעגן דעם לעבן דעם נײַעם, דעם פֿרײַען.

אַן אָפענע טיר

מיסטעריע

ש. ליעוו׳ז

דעם אייגענעם טראָט
איז שווער צו באַשיידן, —
עס שלאָגט אויך מיט סוד
פון פּשוטן ריידן.

צו וואָס זשע וואָלל?
אַז פּנים וואוּאַליק, —
עס טרעפט, אַז ווי גאַל,
דער האָניק איז גאַליק.

אַן עפּל, אַ באַר,
אַ ריב, אַ קאַרטאָפליע, —
פאַראַן איז אויך צער
אין טאַנץ פון דער האָפליע.

נישטאָ אַזאַ פלאַך,
וואָס האָט נישט קיין טיפן, —
עס איז נישט די זאַך,
נאָר בלויז די באַגריפן.

ז. וויינפער

נישטאָ אַזאַ וואָר
אינגאַנצן אָן חלום, —
נישט אַלץ, וואָס איז קלאָר
פאַרבייַ גייט בשלום.

די קלאָרקייט אַליין
איז אויך אומפאַרשטענדלעך, —
סע נישט צו פאַרשטיין
אויך דאָס, וואָס פאַרשטענדלעך.

נישט איך און נישט איר,
נישטאָ אַזאַ בריה, —
אָן אָפענע טיר
און פול מיט מיסטעריע.

אַ בושה צו דערציילן

צו גיין
אליין
אויפ׳ן וועג
אין די היינטיקע טעג
איז אַ בושה פאַר די אייגענע שיך.
און וועגן זיך
איז אַ בושה צו זאָגן אַ וואָרט .
איך טראָג אויף מיין רימען אַ קוואָרט,
נאָר צו שעפּן נישטאָ איז דאָ גאָרנישט.
די וואָר איז קיין וואָר נישט
און דער חלום צוטראָטן,
און זאָגן אַ וואָרט איז פאַרבאָטן
דעם אייגענעם מויל. —
עס איז דאָך אַ גרויל
צו שפּאַנען צווישן דעם גאָרנישטנישט !
וואָלט אַ ווינטל דיך כאָטש דאָ דערפרישט
איז נישטאָ דאָ קיין ווינטל.
בלויז אַ הינטל
טוט וועץ נישט וועז זיך דאָ אַ צעביל
און בלייבט אויך באַלד שטיל.

ז. וויינפער

דער ארום אזוי שווער, אזוי שווער,
ווי א פרוי, וואס איז דיר ליב שוין נישט מער
און שווער איז די לופט
און קיין קול דיך נישט רופט
אין ערגיץ נישט
אין ערגיץ נישט,
כאטש הויב אויף א שטיין
און האק אוים די אייגענעע ציין.

אני מאמין

איך וואַרט, דו וואַרטסט, מיר אַלע וואַרטן.
אַז אַך און ווי איז צו דעם אָפּגעגנאַרטן,
וואָס האָט שוין נישט אויף וואָס צו וואַרטן.

נאָר איך געהער נישט צו די אָפּגענאַרטע, —
דער בלעטער־פֿאַל פֿון בוימער איינגעדאַרטע
צושאַרט ווערט אונטער מיינע טריט צושאַרטע.

און שאַרן וועלן זיי זיך איבער און אַריבער,
ווען נויטיג איז אַליין, כאָטש ליבער
איז מיר צו שאַרן זיי מיט אַלעמען בציבור.

בציבור מיט די, וואָס בלייבן נישט פֿון הינטן,
מיט די, וואָס שלאָגן זיך מיט בייזע ווינטן,
באַזיגן זיי און לאָזן זיי פֿון הינטן.

איך וואַרט, דו וואַרטסט, מיר אַלע וואַרטן.
און אַז מען וואַרט, וועט מען זיך דערוואַרטן
אויף דעם באַווייזן זיך פֿון דעם געגאַרטן.

שיינקייט

מיין געזאַנג צו דיין טראָט, וואָס האָט דיך געפירט צו מיין שוועל, —
איך האָב געהאַלטן אין אויספּרואוון, צי מיין וואָרט איז שוין שאַרף,
ווען פלוצלונג האָבן דינע זילבער־קלאַנגען פון דיין זילבערנער האַרף
זיך דערטראָגן, צעקלונגען, ווי שוים פון אַ צעזוניקטער וועל.

די ווערטער פאַרשאַרפטע אין שאַרפן, — מען דאַרף זיי, מען דאַרף!
זיי זיינען די מעסערס פאַר ווילדפלייש, וואָס וואַקסט אויף אונדז אָן.
נאָר אַז שיינקייט באַווייזט זיך, איז וואָס זאָל מען טאָן,
אויב נישט בויגן דעם קאָפּ פאַר דער האַנט אויף דער האַרף?

נו, שפּיל־זשע, נו שפּיל, — עס איז אינגאַנצן פאַר דיר מיין געהער
און זינג איך אויך מיט, איז צו דיר און פאַר דיר מיין געזאַנג, —
איך האָב געהאַלטן אין שאַרפן מיין וואָרט פאַר אַן אַנדער מין קלאַנג,
דעם קלאַנג פונ׳ם מעסער, דעם האַמער, די זעג און די שער,
ווען פלוצלונג האָסטו זיך באַוויזן ביים שוועל פון מיין טיר, —
פאַרפאַלן, — איך וועל שוין מיין ברויט היינט זיך טיילן מיט דיר.

געבורט

ווען איך האָב איר געווינטשעוועט א צווילינג,
האָט זיך אויף איר צושפּילט דער פרילינג
און אזוי יוגנטלאך האָט זי א וויג געטאָן דאָס נעזל.
איר מויל, — א רויט און רונד האַלענדיש קעזל
אויף איינצובייסן, אַז דער ריח זאָל אַזשע נעמען.
נאָר אַז מען האָט געמוזט פּאַר פרעמדע זיך דאָרט שעמען,
האָב איך די פינגער אירע בלויז געצערטלט
און דערביי זיך אויפ'ן קול געווערטלט.
געוואָרפן זיך מיט חכמות און געזאָגט אַזוינע זאַכן,
וואָס האָבן אַלעמען געמאַכט צום לאַכן.
נאָר נישט געלאַכט האָט איבער איר דער פרילינג, —
עס איז געווען, אזוי ווי אָט דער צווילינג
וואָלט איצטער טאַקע שוין געווען געבוירן, —
איר קליינע האַנט האָט קינדיש און פאַרלוירן
צוריק געצערטלט מיט באַגערן מיינע פינגער
און איך האָב זיך דערפילט פון לופט נאָך גרינגער.

ז. ווײַנפּער

ערד

עס ברענט די ערד צו אונדז מיט אַזאַ שנאה,
אוי אפשר האָבן מיר די ווערט זי, —
זי רעדט צו אונדז דורך ווייץ און קאַנעשינע
און זעלטן עמיצער דערהערט זי.

זי רעדט צו אונדז דורך עפּל און דורך פלוימען
און וואַרפט אונדז צו אַמאָל א בלימל
און מיר דאָ שיקן אָפּ די שענצטע טרוימען
אין די הויכקייטן צום הימל.

דער הימל, — א פאַרטרוימטע בלייכע פרימאַדאָנע,
וואָס האָט נישט מער, ווי טרוימען אונדז צו געבן.
אוי נאָט אייך אָפּ די שטערן און אויך די לבנה
פאַר דעם מינדסטן ביסל ערדיש לעבן.

די זון זאָגט איר? — פאַראַן אויף דר׳ערד אַזוינע לאָמפּן
וואָס שיינען שענער פון דער זון פון אויבן, —
פאַר מיר די ערד און פאַר די גלאָמפּן
די הויכקייט פונ׳ם הימל דורך די שויבן.

דער איינזאַמער פישער

ניַשט איר און ניַשט אים קומט צו באַשטראָפן,
און שטראָפט דאָך די שטראָף, איז גאָרניַשט צו טאָן, —
זיי האָבן זיך ביידע ביים שפּיל־טיש געטראָפן,
געשפּילט און פאַרשפּילט זייער אייגנס אין קאָן.

ניַשטאָ זייער אייגנס, נאָר טיף איז פאַרבליבן
דער נאָכ׳טעם פון שפּילן אַ קאָן זאַלבענאַנד, —
אַ פישל, אַ גילדנס האָט גילדענע שיפּן
פאַרקויפט אין אַ פרעמד־ווייטן לאַנד.

דאָס לאַנד איז ניַשט אייגן. קלימאַט איז אַ קאַלטער,
נאָר סוחר האָט גאָלד אין די טאַשן אַ סך, —
פאַראַן איז אַ פישער, אַ בלאָנדער, צעשטראַלטער,
נאָר יענער האָט אָפּטמאָל אויפן קאָפּ ניַשט קיין דאַך.

אַ דאַך און פיר ווענט, אַ בעט און אַ זאָפע,
בלויז איינמאָל געלעבט אויף דער וועלט סיי־ווי־סיי, —
אַמאָל האָט דער פישער געקוויקט זיך מיט קאָפע
און פרייִלעכע לידער געזונגען דערביי.

וואו איז ער דער פישער? וואו לעבט ער? וואָס טוט ער?
פאַרוואָרפט ער נאָך נעצן אין טייכן צום פאַנג? —
אין הילצערנעם שיפל, — דאָרט וואוינט ער, דאָרט רוט ער,
פון דאָרטן גייט אויף אין דער לופט זיין געזאַנג.

קאָן זיין, אַז ווען ער איז דעם טייך שווין אַריבער,
האָט ער געדאַרפט לאָזן די בריק הינטער זיך, —
דאָך איינס איז ער זיכער, אַז איצט איז אים ליבער
פאַרבינדן די בענדלעך אַליין אויף די שיך.

דער זייגער

עס ווילט זיך עמיצן געהערן.
זאָל זיין אַ שאָף אַפילו ווערן,
פון וועלעכע די שערן
שערן
אָפּ די וואָל.
איך האָב אַ קול,
נאָר קיינר הערט דאָס נישט,
דערפאַר געבערט דאָס נישט
קיין ווידערקלאַנג
צו מיין געזאַנג,
ווי עס וואָלט געקאָנט.
אָט האָב איך אַ רעמאָנט
ביי מיר אין שטוב געמאַכט
און פון דער גאַס אריינגעבראַכט
פרישן ברויט, א שטיקל טאָרט
און מילך א גאַנצע קוואָרט,
נאָר קיינער קומט נישט עסן. —

עס ווערט אזוי דערעסן
צו קייען מיט'ן מויל אליין, —
העי, הונגעריקער קום צוגיין,
איך וועל זיך מיט דיר טיילן :
דער וועג איז נישט דורך היילן
צו מיין טיר.
אָט זע, איך וואַרט, אז איבער איר
זאָלסטו א ריר טאָן מיט דער האנט.
איך וואַרט, און מיר אַנטקעגן אויף דער וואַנט
דער זייגער זייגערט, זייגערט, זייגערט, —
א הונט איז אין זיין נאָרע היינט געפּייגערט!

אונטערוועגנס

יהודה מארקוס'ן

די וועגן, אונטערוועגנס,
זיי פירן דיך ביים האַנט.
דו פילסט עס איז דיין אייגנס
די גאַנצע גרויס פון לאַנד.

ווי סטענגעס זילבערנע געצויגן,
ציען זיי זיך צווישן גאָלד און גרין.
וואוהין דו וואַרפסט די אויגן
פאַרווילט זיך דיר אַהין.

ווי פליגעלעך אויף סטענגעס
אין ווילד־צעווילדעטן געיעג,
די אויטאָס גאַנצע מענגעס
פאַרשלינגען שטיקער וועג.

זיי גייען זיך פאַנאַנדער
און קומען זיך צענויף
און שנעלער פונם ווינט אין וואַנדער
ציִאָגן זיי זיך בערג אַרויף.

א האָרן שרייט צו דיר אַנטקעגן
אַזוי זיך אָן פאַרוואָס
און פאַרן אייגן פאַרגעניגן וועגן
ענטפערסטו אָפּ מיט אַן האָרנבלאָז.

בייטאָג, צי אָוונט, — נישט קיין חילוק,
אויטאָס גלאַנצן, ווי געפּוצטע שיך, —
נישט איינער איז דאָרט וויליק
אַ מענטשן אויפנעמען צו זיך.

איז קלאָר די לופט, צי גאָר טומאַניש,
די וועגן זיינען פול פאַרפולט, —
עס שלאָגט מיט ליד אַמעריקאַניש,
דער ריטעם איז די אומגעדולד.

די אומגעדולד איז יונג, קאַפּריזיש,
זי שלאָגט מיט טשוועקעס אין דער רו,
בלויז הויכע בערג אין טיפן חידוש
קוקן שווייגנדיק זיך צו.

קוקן צו און זאָגן גאָרנישט,
ווייל וואָס צו זאָגן איז נישטאָ, —
זיי קאָנען אויף אַ האָר נישט
אָפּשטעלן דאָס לעבן דאָ.

אַן אויטאָ אונטערוועגנס, —
אַ ווינט אין אַ געיעג פאַרשייט, —
עס שרעקט אים נישט קיין רעגנס,
ער טראָגט זיך אין דער ווייט.

ז. ווײַנפּער

אַ צײַט אַזאַ

ווי אומזיניק עס איז דאָס צײלן ציגל אויף די ווענט,
ווען זון איז איבער זיי אין שפּילעוודיקן בלענד.
עס לויפט אַ טײַך און שיין איז ער אין זײַן געיעג,
כאָטש זינלאָז, צילּלאָז יאָגט ער זיך דורך נעכט און טעג.
אַזאַ מיך טײַך, — נישט נאָר דעם גומען ער דערפרישט
נאָר אויך דעם בליק, וואָס קוקט אין ווײַטקייטן צעמישט,
ווײַל אומרו וויגט זיך אום אין אים, ווי כוואַליעס אויפן ים, —
אַ ליד קאָן שוין אויך זײַן צוליב דעם שײנעם גראַם.
ווי שיין איז אָפּט אַ בוים, כאָטש קיין פרוכט ער נישט געבערט.
פאַראַן אַזוינס, וואָס נישט געזען און נישט געהערט
און דאָך איז דאָס אין אונדז, — עס יאָגט און בענקט,
נאָר צײַט די היינטיקע האָט גלידער ביי דער שיינקייט אויסגעלענקט,
כדי עס זאָל נישט זײַן נאָך וואָס צו בענקען מער, —
אַ וועלט אַן אויסגערעכנטע, מעג זײַן, ווי פול, איז זי דאָך לער.

אַ צײַט אַזאַ, — זי איז אינגאַנצן אויסגערעכנטקייט און קאָפּ.
זי זיצט און וועגט און מעסט אַלצדינג אויף אונצעם אָפּ,
איר גאָט מיט ציפערבוך צעעפנט ברייט פאַר זיך
און ווייסט געגוי וויפיל בושל ווייץ, וויפיל קליידער, וויפיל שיך
מען דאַרף פאַרנאַנדערשיקן אומעטום אויף גלייך,
אַז זאַט, באַקליידט, באַשוכט זאָל זײַן די גאַנצע קעניגרייך.

— איז אפשר גוט אזוי! — קאָן זיין! — ווער ווייסט?
דער גאָט פון שיינקייט איז דאָך רחמימדיק. נישט דרייסט
און רחמים און נישט דרייסטקייט האָבן אונדז געפירט
אויף וועגן בלויז מיט וויזיעס נישט דאאיקע באַצירט, —
איז אפשר נויטיק אָט ווי איצט, נאָר וואָס כאַדאַרף דער נייער גאָט
די שירה וואָס מען זינגט צו אים? אַ שירה לויט געבאָט?
אַ שירה אויסגערעכנט, ווי עס איז דער גאָט אַליין? —
אָ, הארץ מיינס, דו ווייסט געווי דאָך, וואָס איך מיין!

זילבער

זיטא'ן

נעכטן אָוונט האָב איך זיך פאַרשפּילט
מיטן זילבער אַרום האָדסן.
רגעסווייז האָט די לבנה זיך פאַרהילט
אין אַ וואָלקן, נאָר דערנסטמאָל האָבן יהי־רצון
זיך צעזונגען אַלע לעמפּלעך אויפן בריק
און דאָס זילבער איז געבליבן.
שטאָט האָט פאַר מיין בליק
קאָלירטע שורות אין דער לופט געשריבן,
נאָר נישט געלייענט האָב איך זיי.
זילבערדיקע קנייטשלעך אויפ'ן האָדסן
און אויף זיי און איבער זיי
דער שטילער, צאַפּלדיקער יהי־רצון
פון די לעמפּלעך אויפן אָרט פון דער לבנה.
אָפּטמאָל האָט זיך אויסגעדאַכט,
אַז דאָס זילבער איז אין אַ סכנה,
נאָר וואָלקן האָט אַ טירל אויפגעמאַכט
און ווידער האָט געטאָן זיך אַ צעגיס
מיט אַזאַ זילבערדיקן בלענד, —
איך האָב אים מיטגעבראַכט אַהיים אויף מיינע פיס
און מיינע הענט.

אומרו

אפילו בוים
מיט וואָרצלען טיף,
ווי ווינט אין רוים
און ווי אַ שיף.

דער ווינט צעטראָגט,
די שיף צעפירט, —
דער וואָס פאַרמאָגט
געווינט, פאַרלירט.

דער ווינט באַרירט,
די שיף שלאָגט אָן, —
וואָס ווערט צעפירט
קומט ערגעץ אָן.

וואוהין? און וואו?
וואָס ווייסט מען דען!
איך האָב די רו
נאָך נישט געזען.

אפילו בוים
מיט וואָרצלען טיף
קריגט פונם רוים
אמאָל אַ בריוו.

און דענסטמאָל ווערט
ער פול מיט ברויז
און פון דער ערד
וויל ער אַרויס.

צום ווינט און רוים
און העכער נאָך, —
עס רייסט דער בוים
פון זיך דעם יאָך.

— שו־שו! שו־שו!
ער וויינט און שרייט,
ווי איך, ווי דו
צו הויך, צו ווייט.

ליכט

אפילו ביי גליאיקע פלאמען
דער בלינדער, א בלינדער פארבלייבט, —
נישט יעדער, וואס ברעכט איבער צאמען
א בלאט אין געשיכטע פארשרייבט.

פאראנען אזוינע, וואס גליען
און צינדן קיין ליכטל נישט אן,
פאראנען אזוינע, וואס פליען
און קומען אין ערגעץ נישט אן.

פון זון הינטער וואלקנס פארשטעלטע,
נישטא איז קיין ליכט אויף דער ערד, —
די לעבנס אין קאנען געשטעלטע?
מען טרעפט זיי אויך אפטמאל ביי פערד!

דאס רעטעניש נישט קיין באשיידטע,
וועקט נייגער אין מענטשנס געמיט, —
עס טרעפן אויך פאנען צעווייטע,
וואס ברענגען דא גארנישט נישט מיט.

ז. ווײַנפּער

װער האָט עס אין גליאיקע זשאַרן
נשמה און גוף נישט צעבריט? —
זיגזאַגישע װעגן פֿאַרנאַרן,
װי עכאָס פֿון מײדלשע טריט.

פֿיל ליבער פֿון שטורעמס צעװײטע
איז ליב מיר צעבלענדט־װײסער שנײ, —
מײן ליד צו די װעגן צעשפּרײטע
מיט זוניקן ליכט איבער זײ.

איינאונאייגציקע מינוט

בתיה ניגערין

איינאונאייגציקע מינוט, —
היינט האָט אויף מיר אזא גערוט
און מיר איז גוט.

וואָס זשע איז אזוינס געשען?
ווער עס האָט אזוינס געזען
וועט אייביק דאָס שוין זען.

ווער עס האָט אזוינס געהערט,
דעם איז נישט באַשערט
קיין בעסערס אויף דער ערד.

ווילסט ויסן וואָס?
פרעג דעם ווינטנבלאָז,
פרעג דעם גרין אויף גראָז.

זייריידן וועגן דעם
פון מאָסקווע ביזקל שכם,
לייג צו דיין אויער און פאַרנעם:

אונטערוועגנס

ניט קיין חכם, נישט קיין נאַר,
נישט קיין פרייד און נישט קיין צער,
נישט קיין קנעכט און נישט קיין האר.

נאָר עפּעס אַנדערש גאָר, —
נישט קיין טאָג און נישט קיין יאָר,
נישט קיין חלום און נישט קיין וואָר,

נאָר וואָס זשע דען?
ווער עס האָט אַזוינס געזען,
וועט אייביק דאָס שוין זען.

ווער עס האָט אַזוינס געהערט,
דעם איז נישט באַשערט
קיין בעסערס אויף דער ערד.

ז. ווײַנפֿער

מײַן מאַמע

כ'האָב היינט א בריוו געליייענט צו דער מאַמען
פון דעם פּאָעט סערגעי יעסעניין
און האָב דערפילט ווי צינגלדיקע פלאַמען
נעמען אונטער מיר צוברענען.

מיין מאַמע איז אַן אַלטעטשקע, ווי זיינע,
אויך זי קוקט אויס די אויגן אויף די וועגן, —
די אַלטעטשקע, די גוטע מאַמע מיינע,
זי זאַמלט עולם־הבא דאָך פאַר מיינעטוועגן.

מען שרייבט מיר, אז זי טוט אַלץ תפילה
טאָג־טעגלעך פון איר קרבן־מנחה סידור, —
זי בעט דעם אויבערשטן סליחה ומחילה
פאַר די זינד פון מיינע לידער.

די לידער מיינע זיינען זינד אין אירע אויגן,
נישט דאָס האָט זי געוואָלט פאַר מיינעטוועגן, —
א רב'ל פאַר'ן שטעטל האָט זי געהאָדעוועט, געזויגן
און איך דעם טייפל בין אוועק אנטקעגן.

נאָר ליב האָט זי פונדעסטוועגן איר זינדל!
אז איך בין איינמאָל פון ניו יאָרק צו איר געקומען,
האָט זי מיט אירע הענט דאָס בעסטע הינדל
א כאַפּ געטאָן און צו דעם שוחט דאָס גענומען.

און ווען איך האָב מיט אירביים טיש, ביים רונדן
געמאַכט „המוציא״ אויפ׳ן ביסן, וואָס איך האָב גענומען,
האָט זי פאַר פרייד דאָס טיכל אַזש צעבונדן
און מיט א פרומען קול געענטפערט אמן.

אָ, מאַמע, מיינע, איך וועל ווידער צו דיר קומען,
ווי געקומען איז צו זיינער נאָכאַמאָל יעסעגין,
ווייל וואָס איך האָב ביי דיר גענומען
לאָזט זיך פון קיין פלאַמען נישט פאַרברענען.

און איצט אַ גרוס צו דיר פון לאַנד, דעם וויטן,
אויב ווילסט פון מיר דעם גרוס נאָך האָבן, —
אוי, נישט באַשערט איז מיר צו זיין א לייט צווישן לייטען
און נישט באַשערט איז דיר קיין נחת פון מיר האָבן.

ז. וויינפּער

פּאַרפּאַלן!

פּאַרפּאַלן, — אַזוי איז דאָס פון אייביק שוין באַשערט.
כדי מיט פולער בליאונג זאָל אויפגיין פאַר דיין בליק די ערד,
מוז מען זי אַפריער באַמיסטיקן מיט מיסט.
איך ווייס, — נישט איינמאָל טוט וויי, עס פאַרדריסט
און מען פרעגט ביי זיך אָן אַ שיעור האַלעמאַיען,
פּאַרפּאַלן, — ווייל מען ריין געטראַנק, מוז מען דורך זייערס אים זייען.
אפילו דעם פויגל קומט קיין זאַך נישט אָן גרינג,
כאָטש ער האָט אַ פּאָר פליגל און שוועבט אין דער לופט אַזוי פלינק.
מיין זיידע פלעגט אַלעמאָל זאָגן: — נישט אומזיסט
איז יעדער מענטש אויף דער ערד באַהענט און באַפּיסט.

דאָס שטיקל ערד אונטער מיר האָט דאָס מיסט פאַרשלונגען, פאַרדייט,
אַזוי אויך די קערנער, וואָס איך האָב פאַרזייט
דורך אַזויפיל אומצייליקע טעג טיף אין איר.
פונדעסטוועגן קאָן איך ביים שוועל פון מיין טיר
אויך איצטער רואיק, באַרואיקט נישט זיצן.
אַזויפיל טונקעלע וואָלקנס און בליציקע בליצן, —

עס קאָן דאָך אַ רעגן דאָ טאָן אַזאַ גאָס,
עס קאָן דאָך אַ ווינט דאָ זיך טאָן אַ צעבלאָז, —
אַ רעגן וואָס נעצט נישט, נאָר שווענקט און פאַרשווענקט,
אַ ווינט, וואָס וויגט נישט, נאָר פאַרוויסטונגען ברענגט.

און וואָס עפּעס דוקא בלויז רעגן און ווינט? —
עס טרעפט זיך אַמאָל אויך, עס קומט אָן אַ קינד
מיט ווייכע און דריבנע, אומשולדיקע טריט
און אַלצדינג, וואָס דאָ, האָט, געבליט
זאָל איינגאַנצן פאַרשווינדן און פּלוצלונג נישט ווערן.
אַ פּאַסטוך אין פעלד האָט מורא פאַר בערן
און איך בין אין שרעק, פאַר דער שרעק,
וואָס שלעפּט זיך אַרום אומעטום אויפן וועג
מיט וואונדיקן לייב און אויגן פאַרשאַרט און פאַרגלייזט
און זוכט אויך אַליין אום אַן אָרט, וואו צו ווערן דערלייזט.

דערלייזט ווערן. — דאָס וויל אַלצדינג אומעטום און ביי אונדז.
ווי דער קינסטלער אין קונסט, אַזוי דער קלאָון אין קונץ.
ווי די פרייד אין דער פרייד, אַזוי די שרעק אין דער שרעק.
קוקט זיך צו צו די העלע און זוניקע טעג
און זעט די תאוה אין זיי די שאָטנס צו צערן פאַרצערן,
כדי זוניקער און העלער נאָך ווערן.
און איז דען אַזוי נישט מיט׳ן חושך פון נעכט?
די שאָטנס מיט שאָטנס אין אַ פיינטלעך געפעכט,
כדי זיך איינער אין צווייטן פאַרוועבן געדיכטער, געדיכט
און אָפּווישן זאָל זיך יעדער סימן פון ליכט.

אַט זיץ איך און טראַכט: — וואָס וואָלט איך, אַ שטיינער, געטאָן,
ווען עס ווייזט זיך די שרעק און דער אומגליק קומט אָן? —
איך וואָלט דעם אומגליק געגלעט און אים גענומען ביים האַנט.
איך וואָלט פיינלאַך געשמייכלט און צוזאַמען, ביינאַנד
מיט אים דאָך אויפסניי איבער פעלד זיך געלאָזן.
די ווינטיקע ווינטן? — זיי זיינען געשאַפן צו בלאָזן,
אַזוי אויך דער רעגן צו שווענקען און די בליצן צו בליצן,
אָבער אומגליק האָט ציין דאָך צו קריצן, פאַרקריצן,
אָבער אומגליק האָט טרערן געגנוג אויף אַ פעלד צו באַנעצן.
ווייל קערנער אין פעלד טאָר מען נישט אויפהערן זעצן, פאַרזעצן.

א רחמנות

קלעאָפּאַטראָ און אַנטאָניוס,
אַ רחמנות, בנאמנות.
געלעבט, אָט ערשט אָט־דאָ
און זיינען שוין נישטאָ!
אָט זיינען מיר אָט־דאָ פאַראַן
אַ וויל, אַ וויל, און דאַן?
נאַפּאָלעאָן און יאָזעפינע,
באָבע רייזע, זיידע פיניע
ערשט געווען און איצטער וואו?
זיי זיינען דאָ ערגעצוואו.
זיי זיינען דאָ, אין מיר, אין דיר, —
איך פיל אין זיך דעם ריר
פון אַלצדינג, וואָס עס איז געווען,
פון אַלצדינג, וואָס עס איז געשען.
קלעאָפּאַטראָ און אַנטאָניוס, —
דו און איך — א רחמנות!

ז. וויינפער

פרייד

ווי מיידלבריסט פון אונטער זיידענע וואואלן
גייט אויף אצינד די פרייד פון מיינע שורות, —
א ווייבער, ווייסער שניי איז שטיל געפאלן
און מיר געבראכט אזעלכע צאפלדיקע בשורות.

אוונט וועט זיך היינט אנטפלעקן מיט מאנדלברויטלעך
פון הינטער דורכזיכטיקע און דינע צעלאפינען, —
דער לאמפ אין הויז וועט זינגען שטיל און רויטלעך
און איך וועל דאס באגערטע זוכן און געפינען.

מיין זיידע האט א גאט געזוכט אויף אלע וועגן
און איך זוך דיך ארום אין צאפלדיקן ציטער, —
היינט פרי ביזטו צו מיר ארויס אנטקעגן,
ווי שיינענדיקע זון נאך א שווער געוויטער.

געוויטערדיק דאס בלוט און שנייאיק אויף די שויבן.
היינט אוונט וועט דער שניי אויף רויט זיך פארבן, —
א, ווען זאל איך דאנקען און וועמען זאל איך לויבן
פאר די געבענטשטע, רייפע, זומערדיקע גארבן.

הערֿאלדן פריידיקע טרומייטערן און שאַלן, —
זיי זאָגן אָן דיין גיין צו מיר, דיין קומען,
און די מינוטן אין דערוואַרטונג צאַפּלען זיך און שטראַלן,
ווי שבתדיקע אידן ביים בענטשן אַ מזומן.

שבתדיקע אידן, — דו אליין ביזט דאָך דער שבת, —
די ליבשאַפטן פון דורות, וואָס האָבן זיך געצויגן
צווישן טויזנט טאַטע־מאַמעס, זיידע־באָבעס
קוקן שטענדיק דאָך אויף מיר פון דיינע אויגן.

ז. ווײנפּער

כישוף

עס ווייעט מיט כישוף
פון מדבר און ישוב,
פון ליבשאַפט און צאָרן,
פון בלאָזן אין האָרן
פון ווייעדיק ווינטל,
פון האַווקעדיק הינטל,
פון פרייד און פון טרויער,
פון בוים און פון מויער,
פון פּוסטקע, פון שייער,
פון וואַסער און פייער,
פון גריל און פון פידל,
פון אָטאָ דעם לידל,
פון אַלצדינג און יעדן
און אויך פון אונדזביידן.

לאַנגווייל

כמאַרעס אין די אויגן מיינע. —
וואָס זשע איז אַזוינס געשען?
כמאַרעס אין די אויגן מיינע,
ווייל גאָרנישט איז געשען.

שעה'ען האָבן זיך געצויגן,
ווי בלייכע, גענעצדיקע ליפּן.
אָדער גאָר, ווי שורות, וואָס טויגן
נישט מער, ווי בלויז צום איבערהיפּן.

אַ טאָג אַזאַ פאַרבייגעגאַנגען,
נישט געבראַכט און נישט גענומען, —
טויבע הערן דאָך נישט קיין געזאַנגען,
עס זינגט זיך נישט דעם שטומען.

און איצט איז אָוונט, — אַ לבנה —
איך קוק דורך מיינע שויבן.
מיינע ליפּן אָן אַ שום כוונה
ציילן שטערן איבער מיר פון אויבן.

ז. ווייַנפּער

שטראָף

אז זי האָט איינמאָל אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר
און איך האָב זי געעפנט פאַר איר,
האָט זי געזאָגט צו מיר
אזוי צו זאָגן:
— נישט געהאָלפן האָט דאָס שלאָגן
מיין קאָפּ אָן די ווענט.
באַגער האָט צוברענט
און פאַרלענדט
אויף מיינע פּיס און די הענט
אַלע שטריק
און איך האָב איבער גאַס, איבער בריק,
ווי אַ גאַסנפּרוי זיך געיאָגט צו דיין טיר
און זע, אָט האָב איך צו דיר
זיך אַליין אַ מתנה געבראַכט.

אזאַ נאַכט! —
אַ וואָלט איך געקאָנט יענעם פּלאַם
אין מיין איצטיקן וואָרט, אין מיין גראַם
כאָטש צופּלעמלען! —
קאַראַוואַנען מיט קעמלען
האָבן קיינעם אזוינס נישט געבראַכט,
וואָס אונדז האָט געבראַכט
יענע נאַכט.

ביים פענצטער האָט געוואָיעט א ווינט
מיט קולות פון געשלאָגענע הינט,
און געברומען פון זינד
און מיר, ווי שוימיקער ווין,
אין ווייען פון פיין
און אין ברויזן פון פרייד.

אזא נאכט — זי גייט
און פארגייט
זיך נאָכאַמאָל נישט אומצוקערן, —
איצט ווינען באגערן
אין מיר
און אין איר
אויף דער וואך און אין שלאָף, —
איז דאָס אונדזער שטראָף?

ז. ווײַנפּער

מײַנע נישט דערדערטע רייד צו משה לייבן

מײַנע נישט דערדערטע רייד צו משה לייבן, — וואָס־זשע וועט פון זיי איצט ווערן?..
קילע וואָלקנס וועלן זיי פון היינט און ווייטער אין די גרויע הויכן בלויז דערהערן
און אויף ווײַנענדיקע, ווירבלדיקע ווינטן דורך דער וועלט זיי טראָגן און צעטראָגן,—
אפשר וועלן זיי אַזוי אַרום דורך רוימען זיך צו משה לייבן פּאָרט דערשלאָגן.

די רייד, — פון מיר צו אים און אים צו מיר, — געווען איז דאָס נישט גלאַט קיין ריידן,
אַזוי פיל רעטענישן זײַנען אויף דער ערד פאַראַנען צו באַשיידן,
אַזוי פיל רעטענישן, — נישט אומזיסט ווײַנען איצטער איבער אַלע וועגן
די יונגע ברידער זײַנע, — עס איז דאָך שווער אָן אים צו גיין דער רעטעניש אַנטקעגן.

די רייד, — פון אים צו מיר און מיר צו אים, — געווען איז דאָס נישט גלאַט קיין ריידן,
און אַז עס האָט אַ וואַנט, וועט נישט ווען געשטעלט זיך צווישן ביידן,
איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אומגעוואָרפן, אָפּגעשאַרט די וואַנט
און אָנגענומען מיך, ווי אַ קלוגער אַלטער נעמט אַ קינד ביים האַנט.

און נישט נאָר מיך אַליין. פאַר יעדן יונגן, וואָס איז הילפלאָז נאָך געווען אַליין צו שפּרייזן,
זײַן גרויסע, שטאַרקע האַנט איז גרייט געווען אים דורכצופירן און אים אָנצעווייזן

א וועג, זיין וועג, — נישט אומזיסט וויינען איצטער איבער אַלע וועגן
די יונגע ברידער זיינע, — עס איז דאָך שווער אָן אים צו גיין
דעם ווינט אַנטקעגן.

מיט קאַלטע ווירבלדיקע ווינטן איז אים באַשערט געווען צו שלאָגן זיך
דורך אַלע זיינע יאָרן,
איז נישט קיין חידוש, וואָס זיין שיינער קאָפּ איז יונגערהייט
שוין ווייס געוואָרן.
דער קאַלטער ווינט ברענגט שניי אויף דר'ערד און פרירט איין ים
די ברויזנדיקע וועלן.
דער קאַלטסטער ווינט קאָן דאָס שטראַלנדיקע פּנים פון דער זון
דאָך ניט פאַרשטעלן.

אין משה לייבן האָט די זון דאָס אייז געשמאָלצן, ווי פייער
שמעלצט אוים אייזנשטאַנגען,
זיין שיינער זילבער־קאָפּ איז אין אונדזער גרויען, קאַלטן לעבן אויפגעגאַנגען,
ווי זונענדיקער גלי, — נישט אומזיסט וויינען איצטער איבער אַלע וועגן
די יונגע ברידער זיינע, — עס איז דאָך שווער אָן אים צו גיין
דער קעלט אַנטקעגן.

די קעלט, — געזען האָב איך זי אין דעם ארון זיינעם א געפרוירענע,
פארגליווערטע צעלייגטע,
די בלויע אויגן זיינע צוגעמאַכטע און זיינע גרויסע הענט און
פיס שטילע, אומבאַוועגטע, —
געוועדט האָב איך צו אים און אַזוי שטאַרק געוואָלט אַן
ענטפער פון אים הערן, —
וואָס־זשע וועט פון מיינע נישט דערדעטע רייד צו אים שוין איצטער ווערן?

גערעדט האָב איך צו אים, גערעדט אזוי ווי איך פלעג אָפט צו
משה לייבן ריידן,
געפרעגט, — געוואָרט, אז ער זאָל אויפמאַכן דאָס מויל און מיר
דאָס רעטעניש באַשיידן, —
דאָס רעטעניש פון אים אַליין, וואָס ליגט אַן איינגעפרעסטער אין
דעם ענגן ארון, —
געוואָרט האָב איך אומזיסט, — דער קאַלטער ווינט האָט אויך דעם
ברוייזנדיקן ים דערפרוירן.

געוויינט האָב איך פאַר אים און ער האָט אזוי שטיל, אזוי
עקשנותדיק געשוויגן,—
אין לופטן האָב איך בלויז געהערט דעם וויינענדיקן אָפּקלאַנג פון אַ ניגון,—
דעם ניגון פון אונדזער ליד, —נישט אומזיסט וויינען איצטער איבער
אַלע וועגן
די יונגע ברידער זיינע, — ווער וועט זייער אידיש ליד איצט גיין אַנטקעגן?

די רייד, פון מיר צו אים און אים צו מיר, — געוועזן איז דאָס נישט
גלאַט קיין ריידן,
דאָס רעטעניש, וואָס ער האָט נישט באַשיידט, וועט קיינער מיר שוין
נישט באַשיידן,
און איך וועל אומרואיק שוין זיין, ווי דער ווינט, וואָס וויינט ביי
מיינע שויבן, —
דער ווינט, — דער אומרו איבער אונדזער ערד, — דאָס ליד פון משה לייבן.

פון ערגעץ און פון אומעטום

עס טרעפט אמאל, — דאס לעבן קומט דיר פלוצלונג פאר, —
א מענטש, וואס שעמט זיך מער נישט מיט די גרויע האר
און מיט די דינע קנייטשלעך אויף זיין פנים.
דענסטמאל ווערסטו אנגעפילט מיט צער אפילו צו די שונאים.
דו זעסט די וועלט, ווי דורך א טעלעסקאפנרער
און ווערסט אינגאנצן זעאונג און געהער.
דו זעסט און קארטשעסט זיך פון פיין,
דו הערסט און ווינטשסט זיך טויב צו זיין,
ווייל נישט דיין אויער און דאס אויג דיינס בלויז,
נאר אלץ אין דיר, דורכאויס, —
דאס גאנצע לייב דיינס הערט און זעט
און וויינען ווילט זיך דיר, ווייל ווייסט, אז קיין געבעט
וועט גארנישט מאכן אנדערש דא,
וועט גארנישט מאכן בעסער דא.

נישט קיין געבעט און אויך נישט די געטרוימטע קראַפט
פון מוסקולי־אַרנע הענט, — דיר דאַכט, אַז דער זאַפט
פון דער גאָרער ערד איז שוין פאַרצערט, —
דו הערסט און ס׳דאַכט זיך דיר, אַז האָסט עס שוין געהערט,
דו זעסט און ביסט צו דעם געזעענעם שוין בלינד.
אַרום מעג רואיק זײַן, נאָר טיף אין דיר אַ ווינט
יאָגט זיך אום און שפּרייט מיט אַזאַ קעלט, —
אין אַזאַ שעה וואָלט גוט געווען, ווען דײַן גאַנצע וועלט
וואָלט זיך פאַרקליבן אינם זשאַר פון דײַן גליעקן קאַמין
און דו זאָלסט אויסחלומען פאַר זיך בלויז דאָס, וואָס גרין,
בלויז דאָס, וואָס צערטלט און באַרואיקט און וואָס גלעט, —
מע זאָגט דאָך, אַז דער כּוח פון יעדערן, וואָס איז פאַעט,
איז צו פאַרוואַנדלען יעדן גאָרנישט־נישט
אין עפּעס, וואָס דערוואַרעמט און דערפרישט.

ס׳איז וואָר, — עס זײַנען בלאָנד און פריש נאָך מײַנע האָר
און אויף די פּלייצעס מײַנע ליגן נאָך נישט שווער די יאָר
די מוסקולן נאָך יונג, דער טראָט איז נאָך געזונט און שטאַרק,
די האַנט, — אַ כאַפּ צו טאָן דעם גורל אײַנגענעם ביים קאַרק, —
דאָך ווײס איך פאָרט, אַז הינטער מיר ליגט שוין אַ היבשער וועג
און אַז איך נעם אַ חשבון אָפּ פון מײַנע דורכגעלעבטע טעג,
דערזע איך שורות בלויז, — שורות אָן אַ צאָל; —
די שורות זײַנען עכאָס פון אַ רופנדיקן קול,
די שורות זײַנען אָפּדרוקן פון יענעם ליכטיקן געשטאַלט,
וואָס איך האָב לאַנג, שוין לאַנג צוריק דערזען און באַלד
גענומען גיין נאָך דעם און גיי אַזוי נאָך דעם אויך ביז אַצינד.

כאַטש דאָס געשטאַלט, דאָס ליכטיקע, ווייזט זיך און פאַרשווינדט,
ווער איך אַליץ נישט מיד דעם נאָכצוגיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט
און וואָס טונקעלער, אַלץ שטאַרקער בענקט זיך נאָך דעם ליכט, וואָס בלענדט.

נאָר עס טרעפט אַ שעה, — און אַז זי קומט אַמאָל צו דיר,
דערפילסטו, ווי די נאַכט וואַלט איבער דיר געטאָן אַ ריר
און ווײַנען ווילט זיך דיר מיט אַזאַ גרויס געוויין
אויף מענטש, וואָס לעבט צווישן מענטשן און איז אַליין,
אויף גראָז, וואָס איז פאַרמשפּט פון גרין אויף געל,
אויף הײמלאָזן, וואָס שפּאַרט דעם קאָפּ אויף פרעמדער שוועל,
אויף ווינטבלאָז, וואָס ערשט געווען און מער נישטאָ,
אויף ווייזער, ווייל ער רוקט זיך צו אַ נייער שעה,
כאָטש די, וואָס איז מיט דיר איז אַזוי שווער, —
עס ציטערט אויף אין דיר דיין גאַנץ געהער
אויף טראָט, וואָס שפּאַנט און בענקט צו דעם צוריק.
דו פילסט די האַרטקייט פון אַ שווערער שטריק,
וואָס ציט זיך איבער דיר און מיר, — ציט זיך און פאַרציט
איבער יעדנס האַלדז, הענט און טריט.

היינט פרי האָט עמיצער צו מיר וואָס שטיל געזאָגט,
האָב איך געהערט, ווי יעדער אָטעם זיינער קלאָגט
הלמאי עס ציטערט פונם ווינט די בלאַט,
הלמאי זיין פאָטער האָט די מוטער ליב געהאַט
און אים אַהער געבראַכט מיט נאָז, וואָס קורץ און ברייט,
הלמאי איז שטיין אין וועג, וואוהין ער גייט.
זיין הויט האָט שטיל געוויינט, הלמאי עס איז צו דער לבנה ווייט
און הלמאי די כוואַליע ברויזט אַזוי און שרייט
און ברויזנדיק פאַרשלינגט זי זיך אין ים.

דער ים אַליין, — ער האָט פאַר זיך דאָך אויך אַ צאַם.
דעם ברעג, וואָס זאָגט: — אָט ביז אַהער און ווייטער נישט.
אַפילו צייט, — נישט נאָר זי ווישט, נאָר ווערט פאַרווישט
פון נייער צייט, וואָס קומט נאָך איר מיט באַרשט אין האַנט
און ווישט דאָס פריערדיקע אָפּ, ווי אַ פלעק פון וואַנט.

דער דרויסן איז איצט העל, נאָר טיף אין מיר טונקלט אַזוי איצט, —
אַנדזשעלאָס האַנט, וואָס האָט מיט אַזאַ קראַפט אַריינגעקריצט
אַזויפיל שיינקייטן אויף סטעליע און אויף ווענט פון וואַטיקאַן,
דער קאָפּ, וואָס האָט די שיף באַשאַפן, די באַן, דעם עראָפּלאַן,
די לאָגיק פון קאַרל מאַרקס, די תמימות פון בעל שם,
שפּינאָזאָס טיפקייט, איינשטיינס נייער וועלט־באַנעם,
היינעס ווייזהייט, הערצלס חלום און לענינס וואָר,
דער לאָרעליים שיינע גאָלד־געקרויזטע האָר,
דער געניוס פון שעקספּיר, פון פּושקין און פון קיטס, —
צי טראַכסטו נישט אַמאָל, אַז אמת איז בלויז דאָס געקריץ
פון דעם מצבה־קריצערס האַנט אויף גרויען שטיין? —
אַ חבר האָט מיך היינט גערופן מיט אים מיטצוגיין, —
אין גאַנג, — האָט ער געזאָגט, — איז פונם זיין, דער זין, —
העי, חבר מיינער! חבר מיינער! גיין? — וואוהין?

צום רוף, וואָס רופט און רופט און ווערט נישט מיד צו רופן נאָכאַמאָל? —
העי, חבר מיינער! איך הער, ווי דו, דעם רוף, — דאָס קול
וועקט מיך נישט איינמאָל אויף פון שלאָף אינמיטן נאַכט
און נישט איינמאָל דאַכט זיך אויס, עס האָט געבראַכט
אָט־דאָס, וואָס דו און איך און אַלע זוכן אום
אין אַלע ווינקלען פון דער ערד, ערגעץ און נאָך ווייטער, אומעטום.

ניש‎ט נאָר דערהער איך, נאָר איך זע דאָס רופנדיק געשטאַלט, —
מיין עלטער־עלטער זיידע האָט איינמאָל אין אַ טיפֿן וואַלד
אַ ליכט דערזען, וואָס האָט אַ צי געטאָן צו זיך,
איז ער דעם נאָכגעגאַנגען מיט פֿרומע טריט און אויסגעטאָנע שיך.
מיין עלטער־זיידע איז שוין טויט פֿון לאַנג, נאָר דאָס ליכט איז אַלץ צעגליט
און הערט נישט אויף צו כּישופֿן אויך מיינע טריט,
העי, חבר מיינער! אפֿשר ווייסטו פֿאָרט, ווי לאַנג
עס וועט נאָך נעמען צו דעם ליכט דער גאַנג?

אָט איז געקומען היינט צו גאַסט צו מיר אַזאַ מין מאָדנע שעה,
וואָס וויינט אויף גורל אייגענעם הלמאי זי איז באַשאַפֿן דאָ.
אַ קאַליקע איז זי, אָן הענט, אָן פֿיס און אויגן טרעריקע,
קוקט זי אויף מיר קאָנוואולסעדיק און מיט היסטעריקע,
די לופֿט אַרום וויינט מיט און פֿרעגט: — הלמאי?
דער גאַנג? — אפֿשר איז דאָס גאַנצע גיין גאָרנישט כּדאי?
דער רוף, וואָס רופֿט איז אפֿשר גאָרנישט צו דעם ברעג,
וואָס יעדער טרוימט פֿון אים און זוכט אים אום אין וועג,
דאָס קול איז אפֿשר פֿון אַ האַלדז אונטער חלף־שאַרף,
אָנשטאָט צו העלפֿן אונדז, — יענער אונדזער הילף באַדאַרף!
דאָס ליכט? — אפֿשר איז דאָס גאָר אַ שייטער־הויפֿן און נישט מער,
וואָס וואַרפֿט דעם אָפּשיין פֿון זיין פֿלאַם אַהער? —
די ווייטקייט איז דאָך שטענדיק ליכט וואָס בלענדט,
בשעת די נאָענטקייט איז זשאַר, וואָס ברענט, פֿאַרברענט.

און אַז עס קומט צו דיר צוגאַסט צוגיין אַזאַ מין שעה,
וועסטו הילפֿלאָז, ווי אַ קינד, ווייל גאָרנישט איז נישטאָ
אין אַזאַ מין מוראדיקער שעה פֿאַר דיר צו טאָן.

דעמאָלט פילסטו זיך, ווי אין דעם שוחט׳ס האַנט אַ האָן,
וואָס צאַפּלט לעצטן צאַפּל אונטער גלאַנצנדיקן חלף־שאַרף, —
אַ מענטש האָט היינט צו מיר געזאָגט: — ער דאַרף
איז וואָס־זשע האָט עס אָט־דער מענטש געדאַרפט?
פאַראַנען פענצטער דורך וועלכע מען וואַרפט
שטיקער פלייש פאַר קראַליקעס און קעץ און הינט,
און ער, דער מענטש, — אַ ציטעריקער פון קעלט און ווינט,
בענקט נאָך אַן אָפּרו ערגעצוואו אין אַ געצעלט, —
עס איז אַצינד דאָך יענעם מענטשנס גאַנצע וועלט,
אַ טעפּל קאַווע וואַרעמע, אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ, —
העי, ברודער מיינער! ברודער מיינער! דאָס איז אַלץ?

נו, וואָס, אַז איך האָב יאָ אַ שטיקל ברויט אין הויז,
אַ טעפּל קאַווע און אַביסל זאַלץ, — איז וואָס־זשע קומט אַרויס?
צוזאַמען מיט מיין ערשטן אָנקומען אַהער,
געקומען איז מיט מיר דער נישט־געזעטיקטער באַגער
און ער, — נאָר ער וויל און וויל און וויל, —
אָט וויל ער קאָלירנדיקע זייפנבלאָזן פאַר אַ שפּיל,
ווייל אינם שפּיל דאַכט זיך אים, איז דער זין פון זיין
און דעמאָלט איז אַ רעגנדיקער טאָג אויך פול מיט שיין,
און דעמאָלט זיינען אַלע הימלען דאָ מיט אים פאַראַן, —
ער חידושט זיך צו וואָס מען דאַרף אַ שיף, אַ באַן, אַן עראָפּלאַן,
ווייל אַלץ איז סיי־ווי דאָ דערלעבן אַרום אים,
נאָר פלוצלונג טוט זיך אַלץ אַ צעגים און אַ צעשווים,
ווייל גאָרנישט איז פאַר אים צו לאַנג אָט־דאָ באַשערט
און דעמאָלט ווערט אים ענג די גאַנצע ערד.

רויך און פייער פאַר די אויגן, הימל בויגט זיך צו דער ערד,
כוואַליעס אינם ים, ווי ווילד צעגאַלאָפּירטע פערד,
בייסן זיך און שלאָגן זיך, דערטרינקען זיך און פּוישן אויף, —
עס קוקן מענטשנס אויגן מער שוין נישט אַרויף,
ווייל רעגן רינט און וויל נישט אויפהערן צו רינען, —
דער מענטש האָט זיך פאַרלוירן און קאָן זיך נישט געפינען.
דאָס קול דערהערט ער נאָך, נאָר קיין טרייסט געפינט ער נישט אין דעם,
ער שליסט די אויגן און זעט נאָך קלאָרער דורך דער ברעם, — —
אַ טרייסלענדיקער זקן אין שווערע עפּאָלעטן אָנגעטאָן
רייט אויף אַ פערד און מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ נאַפּאָלעאָן,
פּאַיאַצן שפּאַנען אום אויף שטאָלצן איבער בערג מיט טויטע קעפּ
און מאַמעס וויינען אויס די אויגן איבער לערע טעפּ,
ווייל קליינע קינדערלעך האָט מען אָנגעפּלאָדיעט דאָ
און קיין ברויט דעם הונגער זיי צו שטילן איז נישטאָ.

און דעמאָלט הויבסטו דיינע הענט און ווילסט אַ טרייסל טאָן די לופט
און שטאַרקער, העכער הערסטו פּלוצלונג ווי עס רופט און רופט
צו דיר דאָס מאָדנע, אומפאַרשטענדלעך, אומבאַגרייפלעך קול, —
עס רופט פון האָריזאָנט, פון פעלד און וואַלד, פון באַרג און טאָל,
אָט איז עס דאָ און אָט איז דאָס שוין דאָרט.
דו יאָגסט זיך, ווי דער אימפּעטיקער ווינט פון אָרט צו אָרט.
דו איילסט שוין צוליב דעם איילעניש אַליין, — אַז נישט
ביסטו סיי־ווי־סיי שוין אַ פאַרלוירענער, — ווערסט אָפּגעווישט.
און טרעפט, דו מיינסט, — דו האָסט עס שוין געכאַפּט, דערקענט
און כאַפּסט דערנאָך זיך, אַז געוועזן ביזטו פאַרבלענדט,
שטעלסטו סיי־ווי־סיי זיך שוין ניט אָפּ, ווייל אומעטום

רופט דאָס קול צו דיר: — נו, קום־זשע, קום! —
וואוהין? דו איילסט און ווייסט אַליין אויך נישט, וואוהין,
און איילנדיק זיך, זעסטו שוין אַפילו נישט דאָס גראָז, וואָס גרין.

גרין־גראָז, הימל־בלוי. אַ טייכל אינם שיין פון לאַכנדיקער זון, —
אַמאָל, אַמאָל האָב איך געוואוסט דעם זין דערפון.
דער זין? געווען איז דאָס דער זין פאַר זיך אַליין, —
אַ אינגעלע איז אויפגעשטאַנען ווען די זון האָט אָנגעהויבן אויפצוגיין
און זיינע פיסלעך אין דעם שכנהשדיקן טייכל איינגענעצט, —
ווי לאַנג איז דאָס, אַז מאַמע האָט די ציבעלקעס פאַרזעצט?
די מייערלעך, די רעטעכלעך, — יעדער מין אויף אַן אַנדער בייט.
און איצט, — אַ זע נאָר זע, — דאָס ווינטל שוועבט דאָ אום דערפרייט
און גלעט דאָס גרינס, ווי מאַמע־פינגער אויף די קינדערס קעפּ
ווי גרין די לאָנקע איז! די קי אויף איר, ווי געלע קנעפּ
אויף אַן אויסגעפּרעסטן גענעראַלסקן, גרינגעוואַנטענעם מונדיר, —
אַ בוהאַי יאָגט זיך נאָך אַ קו, — וואָס וויל ער דאָרט פון איר?
די ראַבע הון, — די קוואָקע, פירט די הינדעלעך צום הויף
און שאַרט שוין מיט די פיס די קערנדלעך פאַר זיי צונויף.

אויך דעמאָלט האָב איך אָפט אַ שאַרפן רוף אין זיך דערהערט,
נאָך אייגן איז געווען דער הימל איבער מיר, דאָס שטיקל ערד,
דער דיל פון בית־המדרש, כאָטש פון אַלט־צעפּוילטן האָלץ,
און אייגן איז מיר אויך געווען דער תמימותדיקער שטאָלץ
פון טאַטע־מאַמעס פרומקייט, באָבעס הויב און זיידעס באָרד
און די צדיקים און צדקניותן אויף אונדזער הייליק אָרט,
פון וועלעכע איך האָב אַזויפיל מעשהלעך געהערט, —

די שער האָט בלויז די האָר און נישט די וואָרצלען נאָך געשערט,
און כאָטש איך האָב דאָס קול געהערט, האָב איך זיך נישט געלאָזט נאָך דעם.
אין יענע טעג האָט בלויז מיין אויג געזען און נישט די ברעם,
און מיינע יונגע פיס, — בוימלעך איינגעוואָרצלט אין דער טיף,
און היינט, — נישט איינמאָל ווין איך אויפן טאָג, ווען עס האָט די שיף
מיך אויפגענומען און מיך אָפּגעפירט צו גאָר א נייעם ברעג, —
פון דעמאָלט אָן בין איך פאַרמשפּט שטענדיק שוין צו זיין אין וועג.

דער וועג, — וואו איז זיין אָנהויב און וואו איז דאָס זיין סוף?
איך הער דעם רוף אין וועג אַריין אפילו אין מיין שלאָף.
שיפן, באַנען, עראָפּלאַנען מיידן אוים זיך אינם שטענדיקן געיעג,
ווי עס מיידן אוים זיך אויפן וועג, די נעכט און טעג
און איך צווישן זיי צום רוף, וואָס רופט און רופט
פון ערגעץ און נאָך ווייטער פון אָפּגרונט און פון לופט, —
איז דאָס דער רוף פון מיין געבורט־אָרט? נו, בין איך נאָכאַמאָל געווען,
געווען, געזען, נאָר וואָס איז מיטן ביסל היימישקייט געשען?
נישט שטענדיק נעמט א בוים, אָן איבערזעצטע ווידער אָן,
די ערד, אַז מען פאַרלאָזט זי, ווערט פון איר די ברכה אָפּגעטאָן.
נאָר די קללה פונם רוף ביי דעם אַנטרונענעם פאַרבלייבט,
נו, טרייבט דער ווילדער ווינט און טרייבט און טרייבט,
און איך דורך אַלע מיינע טעג און נעכט, אַזוי ווי ער
אויך אומגעטריבן איבער אַלע וועגן, שטעגן ווער.

וואוהין? — צי ווייסט דער ווינט אַליין אין זיין יאָגעניש, וואוהין?
ער יאָגט זיך איבער מדבר־זאַמד, ווי איבער גראָז, וואָס גרין
אהער, אהין צום רוף, וואָס רופט און רופט

ז. ווײַנפּער

פון ערגעץ און נאָך ווײַטער, פון אָפּגרונט און פון לופט
און אַז אַזאַ מין רוף דערגייט צו דיר און ווערט פון דיר דערהערט,
ווערט פּלוצלונג ענג פאַר דיר דאָס שטיקל ערד
אויף וואָס דו שטייסט, ווי מיר איז ענג אויף דעם אַצינד, —
פאַראַן אַ לאַנד איז דאָרט אַ רויטע, גליענדיקע זון צעשײַנט און בלינד
באַדאַרף דאָך יעדער אײנער שוין פון אונדז דאָ זײַן
נישט צו דערזען די גליעק־רויטע רופנדיקע שײַן,
וואָס שפּרייט זיך אין דער לופט און רופט צו זיך, —
היינט פרי האָב איך דערפילט, ווי משה ביי דעם סנה, אויסצוטאָן די שיך,
דאָס בלוט האָט אויפגעשלאָגן מיט מוט און מיט קוראַזש,
כאָטש נישט אײנמאָל בין איך אָפּגענאַרט געוואָרן שוין פון אַ מיראַזש.

מענטשן אזעלעכע

דער וואַגאַבונד

דער וואַגאַבונד אין אַלטע קליידער און צעדרייטע שיך
מיט הענט און פיס, ווי דינע, לאַנגע נונען, —
ער שפּאַנט אַרום פון גאַס צו גאַס און זינגט צו זיך,
ווייל דאָס, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מאַטערניש געפונען,
האָט ער אַליין, ווי פּאַפּיראָסנרויך צעבלאָזן
און אין דער לופט אַריין אַוועקגעלאָזן.

געפונען, זיך דערפרייט און באַלד דערפילט, אַז נישט כדאי געווען.
נאָר יענע פרייד איז טיף אין אים דאָך פאָרט פאַרבליבן, —
אַמאָל, אַמאָל, האָט ער פאַר זיך אַ ליד אַ לעבעדיקס געזען,
און היינט איז דאָס אויף ווייס פּאַפּיר, בלויז אויפגעשריבן
די ווייסע שטיקעלעך פּאַפּיר, דאָס איז דאָך זיין פאַרמעגן,
זיי גייען מיט אים מיט אויף אַלע זיינע וועגן.

די גאַנצע ערד איז סיווי דאָך נישט מער, ווי בלויז אַ שטיק פּאַפּיר,
און אַלצדינג, וואָס אויף איר זיינען שורות און נישט מערער, —
ווי לאַנג איז דען, אַז ער שפּאַנט דאָ אַרום אויף איר?
עס זינגט אין אים, וואָס ער איז, ווי דאָס מיסט ביים גאַסנקערער,
צונויפגעשאַרט און פאַרשאָטן ערגעצוואו צו ווערן,
כדי דערנאָכדעם אויפצוגיין און נאָכאַמאָל געבערן.

איז גוט אים מיט זיין פרייד. — זי ווינקט צו אים מיט שטערן פון דער הויך,
און וואויל איז אים, וואָס ער קאָן דאָך אַזויפיל זיך דערמאַנען, —
פון הינטער אים אַזוי פיל טעג און נעכט און פאָרויס אויך, —
נו וועט ער שוין די טעג און נעכט פאַרבליבענע דערשפּאַנען

א געטרייסטער, א בארואיקטער און שטיל אזוי, געלאסן,
גאס איין, גאס אויס, איבער אלערלייעדיקע גאסן.

זיין לעבן וועט ער שוין אזוי א דורכשלעפן מיט זיך אליין
און מער אויף קיינעם, קיינעם זיך נישט כעס'ן, —
זיין ציל, זיין זין איז איצט בלויז אינם גיין
גאס אויס, גאס איין איבער אלערלייעדיקע גאסן
און קוקן און באטראכטן פון נאענט און פון ווייטן
און קוקן מיט די אויגן אפענע, ווי עס לעבט זיך דא ביי לייטן.

א קוק אהער, א בליק אהין, אזוי זיך פון א זייט,
און ווייטער, ווייטער לאזן זיינע דינע פיס צעוויגן, —
א קוק אהער, א בליק אהין, — אין דעם אליין איז דער באדייט,
און מער איז סיווי גארנישט, גארנישט דא צו קריגן, —
ווער עס דאוונט ביחידות און ווער עס דאוונט מיט א מנין, —
פאר אים — דאס קוקן און באטראכטן איז אליין אן ענין.

דאס פינצטערניש איז פאר דער ערד, ווי אויף א מענטשנס לייב א וואונד,
נאר טיף אין אים איז אזא ליכט א העלם צעצינדן, —
נו זינגט די שענסטע לידער אויס דער וואגאבונד
צום ליכט אין זיך, וואס וועט שוין קיינמאל נישט פארשווינדן,
און אז אפילו יא, איז אויך דאך נישט געפערלעך,
אבי פארבלייבן וועט דאס ליד, וואס זינגט זיך אזוי הערלעך.

עס זינגט זיין הארץ, זיין יעדער קער און ריר, זיין גאנג,
דורך שווארצסטער נאכט זיין שטילסטער בליק איז אפן, —
עס גייט אויף פון זיין לייב א גרוים און העל געזאנג
בשעת אזויפיל לייבער אין די ווייכע בעטן שלאפן.

און אַז עס טרעפט זיך, אַז דער שלאָף אין זיינע אָרעמס האָט אים,
זינגט אַליץ זיין האַרץ, ווייל עס זינגט אין אים זיין יעדער אָטעם.

די ערד איז אַזוי קליין און אַזוי שמאָל און זי איז רונד,
און ערגעץ איז אין ערגעץ סיי־ווי נישט פאַראַנען, —
עס שפּאַנט צווישן אונדז אַרום דער וואַגאַבונד
און ליד גייט אויף פון אים מיט יעדן עכאָ פון זיין שפּאַנען, —
גייט אויף, ווי בלויער רויך, צעגייט זיך אין די רוימען
און קומט צוריק דורך יעדן ווינטל און אַפילו דורכן רויך פון קוימען.

עס שפּאַנט צווישן אונדז אַרום און קוקט, אָט ווי אַ גאַסט,
וואָס איז פון ווייטן לאַנד אַהער געקומען אויף אַ ווײַלע, —
אַז וואויל איז אים, ער טראָגט אַ לייכטער אום די שווערסטע לאַסט
און פרעגט אויף גאָרנישט, גאָרנישט נישט קיין שאלה,
און אַז סע פרעגט זיך אים אַליין, ענטפערט ער געדולדיק:
זאָל וואַרפן דער דעם ערשטן שטיין, ווער עס פילט זיך דאָ נישט שולדיק!...

ז. ווײַנבערג

דאָס נזירל

אויפֿן האַרטן שטיין
זיצט נאָך אַלץ אַליין
דאָס נזירל פֿאַרזײַנקען
און פֿאַרטרינקען
אין אַזוינס, אַזעלעכס, —
אַ וועלעכס ? . . .

פֿלאַסטן בייטן איצט די ערטער,
מענטשן ריידן נייע ווערטער,
פֿון קעלערס און פֿון לעכער
שטייגן זיי איצט העכער
פֿון די דעכער.
כמאַרעס
מאַכן וואַרעם
פֿאַר אַ נייער זון, —
ווייסט דאָס נזירל דערפֿון?
נישט עס זעט,
נישט עס בעט,
נישט עס וויל, —
עס זיצט זיך שטיל
אַזוי אַליין
אויפֿן שטיין,
פֿאַרזײַנקען,
פֿאַרטרינקען,
אין אַזוינס, אַזעלעכס, —
אַוועלעכס ? . . .

נזירל דערפילט נישט קיין געוויטער,
עס ווייסט נישט פון קיין ציטער, —
גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט
רירט דעם אויף אַ האָר־נישט.

ליכטיקייט? — נישט ליכטיק!
פינצטערניש ? — נישט וויכטיק !
אמתן? — נישט ריכטיק!
לויטערקייט? — נישט ציכטיק!
וואָס זשע דען?
האַ? וואָס? ווען?
גאָרנישט ניט געזען!
גאָרנישט ניט געהערט!
אויסגעצערט
מיט זיך אַליין
אויפן שטיין
פאַרזינקען,
פאַרטרינקען,
אין אַזוינס, אַזעלעכס, —
אַ וועלעכס ? . . .

ווינטן רייסן שויבן,
טראָמפּלען טרויבן,
ראָבן פּרעסן טויבן,
הונגעריקע ברעקלעך קלויבן,
רויבער רויבן
איבער אַלע וועגן,
איבער אַלע שטעגן,

ז. וויינבערג

באטריגער
זיינען זיגער —
און דאָס נזירל זיך ווערט נישט,
ווייל ער הערט נישט,
עס רעדט נישט,
ווייל עס זעט נישט, —
עס איז פאַרזינקען
און פאַרטרינקען
אין אַזוינס, אַזעלעכס, —
אַ ווערעכס ?...

דער מפונק

צוויי אויגן שטאַרע און אַרויסגעזעצטע,
די האָר ביי אים — זעלטן ווען פאַרקעמט
און ליפּן האָט ער דינע, נאָר שטענדיק איינגענעצטע,
אַ ברודיקס און צעקנעפּלט איז זיין העמד.

דערצו פאַרמאָגט ער נאָך אַ קעפּל,
וואָס שלאָגט מיט שווערן דופט פון טראָן
און קלענער איז דאָס פון אַן עפּל
אויף אַ שמחת־תורהדיקער פאָן.

זיין אויסזען איז, ווי פון אַ טאַטער,
זיין קול איז, ווי דאָס מיאַוקען פון אַ קאַץ.
די טריט ביי אים, ווי פון אַ קאָטער,
נאָר נעגל האָט ער פון אַ ראַץ.

געפּאַסט וואָלט אים גאָר זיין אַ שינדער
אין אַן אָפּגעשטאַנען און פאַרוואָרפן לאַנד,
און נישט קיין שרייבער פאַר די קינדער,
וואָס איז מעשטיינס געזאָגט באַקאַנט.

אַן אימיטאַטאָרל פון לעאָן עלבע,
געכאַפּט ביי אים דעם וועג און דעם מעטאָד, —
פון וויטנס קוקט דאָס אוים דאָס זעלבע,
נאָר פון דערנאָענט, — אַך, דו ליבער גאָט!

זשוואָווער־לאָווער, — אויך מיר א מחבר, —
ער מאַכט פון עלבעם וואָרט א קוואָרט,
און פּילט נישט, ווי עס שמעקט מיט זשאַוועך
אַרוים דאָך פון זיין יעדן וואָרט.

היינט איז ער נאָך א לינקער שעבעלינקער,
ער רעדט פון לענינען, ווי פון א גאָט, —
א נאָכמאַכער איז ער א פלינקער,
ער פּאַסט זיך צו צו יעדנס טראָט.

און אז עס קומט אמאָל צו רייד פון יענעם
צעשינדט ער ממש ביזקל בלוט, —
כדאי א קוק צו טאָן און זען אים
אין אָט אַזאַ דערהויבענער מינוט.

די שטאַרע אויגן, טעמפּ און טאַמעוואַטע
נאָר צונג ביי אים ווי לאָפּעטע וואָס גראָבט, —
א נס, וואָס אַלע אויערן מיט וואַטע
זיינען פאַר זיין וואָרט פאַרשטאָפּט.

ער האַלט זיך צווישן אונדז פאַר דעם מפונק,
כאָטש פרעגט בחרם אים פאַרוואָן, פאַרוואָס?
מסתמא ווייל דעם אַרבל פון זיין טוניק
באַנוצט ער אויף צו ווישן זיך די נאָז.

דער מענטש

ער איז געבינדן צו דער ערד
און דאָך נישט צוגעבינדן, —
א קול זיך ערגעצוואו דערהערט,
אַ ליכט נעמט זיך צעצינדן,
איז שוין צום קול זיין גאַנץ געהער
און צו דעם ליכט איז שוין זיין בליק, —
נישטאָ איז נאָך אַזאַ געוועה,
וואָס קאָן אים טרייבן אויף צוריק.

נישטאָ נאָך אַזאַ שטאַרקער כוח
צו ציען איבער אים אַ צוים, —
דורך שטיקנדיקסטן, שווערן רויך,
דורך שוואַרצסטן, טיפסטן תהום,
דורך ווילדן וואַלד און באַרג און טאָל,
דורך שטאַרקסטע פעסטונג־ווענט,
ער טראָגט זיך צו דעם רוף פון קול,
צום העלן ליכט, וואָס איז צעבלענדט.

ער איז געבינדן צו דער ערד
און דאָך נישט צוגעבינדן, —
איז עפּעס נייעס וואו באַשערט,
די שטריק ווערט אויפגעבינדן.
ווי פליגל זיינע הענט און פיס
און גרינגער פון דער לופט זיין גוף, —
ער טוט זיך פון דער ערד אַ ריס
און טראָגט זיך צו דעם רוף.

ז. ווײַנפּער

מעג זײַן צו ווײַטער, ווײַטסטער ווײַט,
מעג זײַן צו הויכער, העכסטער הויך, —
ער זיצט שוין אויפֿן ווינט און רײַט
מיט ווילדן, אימפּעטיקסטן כּוח,
נאָר אין זײַן פֿלינקסטן פֿלי און הויב
נעמט ער דאָס ערדישע דאָך מיט
און זינגט צו דעם אין וועג אַ לויב
און זינגט צו דעם אין וועג אַ ליד.

די באַלאַדע פון שבת קודש דיכטער

פון שמן־זית פאַרראָשטשינעט,
זיך געהאָדעוועט מיט שבת־אויבס, —
און פון דער ווייטנס האָט געמינעט
אַ משיחל, אַ דאַרס, אַ טויבס.

און צו אַ משיחל, וואָס דאַרף ערשט קומען
און ברענגען לויתן און שור־הבר;
באַדאַרף מען דאָך ניגונדלעך ברומען
און אים באַזינגען צו אַלדע גוטע יאָר.

האָט דער דיכטער אונדזערער געניגנד
בייטאָג און ביינאַכט פון היץ און פון קעלט;
און אַליין נישט געפילט, ווי ער ליגנט
צו זיך און צו אים און אויך צו דער וועלט.

כסדר נאָך געוואַרעמט האָט ער זיינע פינגער
ביים שבת־קודשדיקן בענטשליכט שיין;
כסדר נאָר געווען איז ער דער באַזינגער
פון שבת־חלות און קדוש־וויין.

אַז די שניידערקע לאה, די אלמנה,
האָט פון דחקות זיך געשטיקט, —
איז אים געפעלן דוקא ר׳ אלקנה,
וואָס האָט אויף שבת איר אַריינגעשיקט.

נישט פאַר דער שניידערקע לאה, דער אלמנה
האָט אויפגעוואַרעמט זיך אין אים דאָס בלוט,
נאָר פאַר דעם שיינעם אידן ר׳ אלקנה,
וואָס איז אַזוי וואויל און אַזוי גוט.

זיינע לידער, — ווייכע ציטעריקע גלעטן,
כסדר נאָר פון נעכטיקן געפירט, גערירט;
זיינע לידער, טעפּיכער, טאַפּעטן,
מיט צאַצקעלעך, אוזאָרעלעך באַצירט.

פון די שיינע אידן, די ר׳ אלקנהס,
און נאָך אַזעלעכע, ווי זיי, —
וואָס האָבן געפאַסט אום אסתר־תענית,
און אין דער וואָכן געגעסן פאַר צוויי.

וואָס האָבן געגעבן גרויסע און שיינע נדבות,
כדי צו מאַכן פאַר זיך דעם גרויסן שם;
און אַפילו, ווען זיי זיינען געגאַנגען אויף קבר־אבות,
האָבן זיי נישט אויפגעהערט דערציילן וועגן דעם.

און דערביי געבעטן די טויטע זיך מיען פון אויבן,
אַז מען זאָל באַהיט זיין פון פּיין און פון צער;
און מען זאָל האָבן כוח צו דאַנקען און לויבן
דעם „ברוך הוא ושמו״ דערפאַר און דערפאַר.

אָט אַזוי האָט ער געדיכטעט און געדיכטעט,
באַשיינט האָט ער די פיינע אידן פון זיין דור;

און דערבײ זיך אַלײן גאַנץ פײן בײגעשיכטעט
דורך זײן לידלען צו אַלדע גוטע יאָר.

אַט אַזוי זײנען זיך די יאָרן געגאַנגען,
רואיקע נעכט פאַר אים, און זאַטע זײנע טעג;
כסדר אויפגעגאַנגען און פאַרגאַנגען
איז אַ גילדענע די זון איבער זײן וועג.

אַפילו צניעותדיקע רביצינס אין שיכלעך,
מיט גאָלד געשטיקט אויף סאַמעט און אויף זײד
האָבן זיך געקוויקט מיט זײנע ביכלעך,
און אָפטמאָל בײ זײ דערהרגעט אַביסל צײט.

דערעיקרשט האָבן זײ געלײענט מיט התמדה
וועגן זיך און אַזעלעכע ווי זײ זײנען געוועזן, —
און וועגן משיחן, וואָס איז דענסטמאָל אין דער מאָדע
בײ אַלעמען אויף די מײלער געוועזן.

און אַז דער דיכטער איז עלטער געוואָרן,
האָט ער באַשלאָסן, אַז שוין צײט אויפן פערד,
כדי זיך צו זעצן אויף זײן רוקן און פאָרן
מיט גרויס פּאַראַד אויף דער הײליקער ערד.

האָט זיך אָבער דענסטמאָל געטראָפן, אַז פאַרנומען
איז דאָס שענסטע און טײערסטע פערדל געוועזן,
מחמת משיח אַלײן איז אויף דעם צו רײטן געקומען
און געוואָלט, אַז דאָס פאָלק זאָל אים זען.

ז. וויינפּער

נו, נו, האָט זיך עס דענסטמאָל געטומלט ביים עולם
מיט דעם משיחל דעם דארם און דעם טויבס;
און משיחל אליין, שוין גאָרנישט קיין גולם,
האָט פארנומען פאר זיך דאָס גאנצע שבת־אויבס.

אלע קריגלעך מיט דעם פיינסטן שמן־זית
האָט ער געלאָזט גיסן אויפן אייגענעם קאָפּ;
און דעם דיכטער האָט ער געשענקט א כזית
פון דער הייליקער ערד אין אן ערדענעם טאָפּ.

איצט לעבט דער שבת־קודש דיכטער בלויז מיטן טעפּל.
ער טראָגט זיך דערמיט, וואו ער גיט זיך א ריר און א קער,
און קוקט נעבעך אוים, ווי א צעדריבלט קרעפּל,
וואָס קיינער עסט שוין נישט מער!

דער לערער דערציילט

אַז קינדער קומען ווינטער אין קלאַס
אין קליידער, אין שיכלעך צעריסענע,
קוקן זיי אויס, ווי פייגעלעך פון גאַס
מיט פליגעלעך האַלב אָפּגעביסענע.

זיי טומלען נישט און שפּרינגען נישט אום,
פאַרגעסן אינגאַנצן צו ליאַרעמען,
זיי זעצן זיך אויס פאַרמאַטערט און שטום
און זיינען אויסן זיך בלויז צו דערוואַרעמען.

איז גוט, אַז אין שול איז אַ ראַדיאַטאָר דאָ,
וואָס וואַרעמט, ווי אין הייזער נגידישע,
אָבער, וואָס טוט מען, אַז אַזוינס איז נישטאָ,
ווי עס טרעפט אין די שולן, די אידישע?

ז. ווינפּער

דענסטמאָל ציטערן די קינדער פון קעלט
און דער לערער רויטלט זיך פאַר בושה, —
ער טרייסט זיי מיט אַ נייער וועלט,
וואָס וועט צעטיילן דער אַלטערס ירושה.

דער אַלטערס ירושה? אָ, גרויס איז זי גרויס,
נאָר זי איז נישט קיין גלייך אויסגעטיילטע,
אַז די נייע וועט קומען, וועט זי ברענגען אַ שויס
מיט מאַנדלען און ניסלעך געשיילטע.

און נישט נאָר מאַנדלען און ניסלעך, נאָר ראָזשינקעס אויך.
פאַר יעדערן, ווער סע וועט וועלן,
אין אַ וואָכיקן טאָג וועט אַ גילדענע יויך
זיך יעדערער קענען באַשטעלן.

אַ גילדענע יויך מוז זיין זייער גוט און געשמאַק,
נאָר בעסער פון איר זיינען מאַרצעפּאַנעס, —
די נייע וועלט וועט ברענגען אַ פולן זאַק
און קיינער וועט צו איר נישט האָבן קיין טענות.

קינדערשע מאַנטעלעך, היטעלעך, שיך? —
אָך, מיטן גרעסטן און שענסטן פאַרגעניגן!
דערוואַקסענע וועלן האָבן בעטן פאַר זיך
און קינדער וועלן שלאָפן אין זילבערנע וויגן.

אין קלאַס איז שטיל, אַזוי שטיל אַז דאָס קול
פונם לערער איז, ווי אַ צודעק פון פעדערן,
אויף דער ערד איז דאָ פון אַלצדינג אָן אַ צאָל
פאַר דיר און פאַר אים און פאַר יעדערן.

נישט מער, ס׳איז די נאַרישע האַנט, וואָס טיילט ניט אַזוי,
ווי זי וואָלט געקאָנט און געדאַרפט דאָ צעטיילן, —
דער טאָג קוקט אַריין דורך די פענצטער אין גרוי,
און דער לערער הערט נישט אויף צו דערציילן.

און אַז ער דערציילט, איז זיין פנים אַזאַ,
וואָס ווערט צו די קינדער ליב און נאָך ליבער, —
זיי זיצן און הערן און שטיל איז און שאַ,
זיי ווינקען אַפילו זיך איינס מיטן צווייטן נישט איבער.

דער ווינטער־טאָג מיט זיין שניי און זיין פראָסט, —
ער קוקט דורכן פענצטער און הערט אויך די מעשה,
וואָס איז אַזוי קלאָר, אַזוי שיין, אַזוי פּראָסט,
נאָך פראָסטער און שענער פון דער ציג, פון דער ווייסע.

געוועזן איז אַ ציגעלע, ציגעלע־ציג — אַז אַ ווייסע, איז וואָס?
עס איז אויף דער שוואַרצער דאָך אויך אַ רחמנות! —
אַז נישטאָ, איז קיין וואַסער, קיין בלעטער, קיין גראָז,
זיינען אַלע ציגן דאָך גלייך אין סכנות.

אין קלאַס אַזוי שטיל, אַזוי שטיל און דאָס קול
פֿונם לערער הערט אויף נישט צו ציטערן, ציטערן, —
עס וואַקסט דאָך געגנוג אויפֿן באַרג און אין טאָל
פֿאַר אים און פֿאַר דיר און פֿאַר פּי אויך צו פּיטערן.

אַז די נײַע וועלט וועט קומען צורייטן אַהער,
וועט זי זײַן ווי אַ זון אַ צעשטראַלטע,
און ווי אַ מויז פֿון אַ הויז דורך אַ טונקעלע רער
וועט אַנטלויפֿן, פֿאַרשווינדן די אַלטע.

מיר וועלן נישט טרויערן נישט בענקען נאָך איר,
ווײַל נישט ליב איז זי אונדז און נישט טײַער, —
מיר וועלן בלויז מעשׂות דערציילן פֿון איר
ביים ליכטיקן, וואַרימען שײַן פֿונם פֿײַער.

די מעשׂות, ווי לידער, וואָס זינגען זיך אויס
פֿון דעם, וואָס געווען און איז שוין פֿאַרשוואונדן, —
אַמאָל האָט די קעלט פֿאַרפֿרוירן אַ קינד אין אַ הויז,
בשעת אין אַ צווייטן האָט אַ קאַמין זיך געצונדן.

אַמאָל האָבן מענטשן שווערדן און שפּיזן געשאַרפֿט
און איינער דעם צווייטן געקוילעט, געשאָכטן,
איין מאַמע האָט פֿאַרן קינד אַ שטיקל חלה געדאַרפֿט,
בשעת די אַנדערע האָט קוילעטשן ווײַסע געפֿלאָכטן.

אז די נייע וועט קומען, וועט נישט זיין מער קיין רויב
און פרייע און ברייטע וועלן זיין אלע וועגן, —
דער אדלער וועט מער נישט פארצוקן קיין טויב
און דער לייב מיט דער ציג וועלן זיך טאנצן אנטקעגן.

אפילו דער ווינטער מיטן פראסט און דעם שניי
וועט מער נישט רייטן אויף שטורעמס קיין ווילדער,
די קינדער אין רינג און ער צווישן זיי
וועט שטיפן, ווי א זיידע א גוטער, א מילדער.

אין קלאס אזוי שטיל, אזוי שטיל, און דאס קול
פונם לערער איז ווייך, ווי זיינע צעעפנטע אויגן, —
די אלטע וועלט איז, ווי א מעשה פון אמאל,
וואס געווען און איז לאנג שוין פארפלויגן.

פארפלויגן אהין וואו דאס פעפערל וואקסט
פונם בוכטש, וואס די נייע האט אים געגעבן, —
נישט אין לופט, נישט אויף וואגן בארעדערט, באאקסט
וועלן מיר זיך אומקערן צום אמאליקן לעבן.

סיידן אמאל אין א בוך, צי גאר אין א בילד,
דורך כישוף פון ווארט און דורך שפיל פון קאלירן
וועלן מיר, ווי דורך שלייערן דינע געהילט
זיך לאזן צו דער וועלט צו דער אלטער פארפירן.

ז. ווײַנפּער

כדי דערנאָכדעם דערציילן אַ מעשה פֿון איר
פּאָר קינדערלעך גרויסע און קינדערלעך קליינע, —
עס שמייכלט דער לערער: נו, קינדער, זאָגט מיר,
איז אפשר די מעשה אָט די נישט קיין שיינע?

די פֿלעקלעך אַרויס און אַריין און דער האַמער טוט זיינס, —
ער שלאָגט פֿלעקלעך און טשוועקלעך איבער די קנאָפּל!
העי, קינדער, נאָך אַ מעשהלע שיינס און אַ פֿיינס,
ווער שרייבט איצט אַ זאַץ אויפֿן טאָוול?

עס זיצן די קינדער נאָך שטילער פֿון שטיל אינם קלאַס
און וואַרטן אויף מעשהלעך מערער און מערער,
און אַז זיי גייען דערנאָכדעם אַרויס אויפֿן גאַס,
קוקן אויגעלעך דערוואָרעמט אין לופֿטן, דער לערער.

פאָרטרעט

א. לוצקי'ן

זיין קול א דינס,
אזוי זיין וואָרט, —
אביסל גרינגס
פון דאָ און דאָרט.

אביסל ליכט,
א שטיקל ערד
און אומגעריכט,
עס יערט און ווערט.

גרינגגראָז און זון
אין שפּיל אויף דעם, —
געטרוימט דערפון
האָט דער בעל שם.

— הע׳, מענטש, קום נעם
און ווער דערפרישט, —
ער איז בעל־שם
און ווייסט עס נישט.

ז. וויינפער

זיין פּנים מילד
אַזוי זיין בליק
און ער איז ווילד
פאַרליבט אין גליק.

כאָטש וואָס איז דאָס
איז אים נישט קלאָר, —
זיין טרוים — גרינגראָז,
ווען פראָסט — זיין וואָר.

יהא שמיה רבא איציק פעפער

ר׳ איציק פעפער טריאומפירט, —
ער טענצלט, ווייל מיר דאָ גייען אונטער.
אַז וואויל איז אים, — אַבי נאָר ער אַליין באַשמירט
מיט רויטער זון, ווי צונטער
זיין פיסטנע שטיקל קאָרנברויט.
וואָס דאַרף ער מער דען האָבן?
פאַר זיך האָט ער אַ זון, וואָס רויט,
און יענע וועט מען דאָך באַגראָבן.
אַז מיר דאָ וועלן מירצעשעם נישט בלייבן,
וועט ער כיכיקען און די הענטלעך זיינע רייבן
פאַר נחת און פאַר פרייד און גרויס נקמה.
ווי זאָגט מיין אַלטע, קלוגע מומע? —
צווישן הייזעריקע איז פיל גרינגער
צו זיין דער גרויסער, גאָרגלדיקער זינגער.

גערעכט איז ער דאָך אָבער פאָרט, —
עך, ברידער, לאָמיר זיך נישט נאַרן!
אַריבער אונדזער אויסגעפאָרעמט וואָרט
הערט טעמפּיק זיך דאָס שאַרן
פון קברנלאָפּעטעס גאַנץ לאַנג.

דער הינגער סוחר שעלימיכל
באדארף נישט קיין געזאנג.
אים גיב נאָר אָפּ זיין פוטערקיכל,
דאָס ביסל בראנפן אינ׳ם גלעזל,
דאָס בלאָנדע שיקסל מיט געפּודרעט נעזל
און ליפּלעך רויטע, רוזשעוואטע, —
עס איז דאָך אמת. אז לעת־עתה
איז אונדזער לעבן היבש דאָ שעלימיכיס
און מיר פאראיינזאמטע און איכיק.

נאָר איציק פעפערס טענצלען איז
פון גרעבסטער גראָב נאָך גרעבער, —
אזוי אָ טענצלט מיט די גראָבע פיס
א שכורניק, א באגרעבער,
ווען א מגפה קומט אין שטאָט
און ווארפט די לעבנס צו דער ערד אנידער.
אז וואויל איז דעם, וואָס האָט
סיי שוועסטער און סיי ברידער,
נאָר איציק פעפער דארף זיי נישט, —
שוין יאָרן אז ער שטייט און מישט
מיט גרויסן, רויט־געפארבטן לעפל
אין א קאָכיק־פארעדיקן שעפל
אלע סאָרטן טויטנדיקע סמען
און שיקט זיי איבער אלע ימען.

און אז מען האָט שוין א מונדיר
אויף רויטע שלאכטפעלדער געטראָגן

באַדאַרף מען טאַקע פֿון דער טיר
די ברידער אייגענע פֿאַריאָגן? —
די ברידער קומען פֿון דער ווייט
און ברענגען, וואָס זיי האָבן,
נאָר איציק פּעפּער שרייט און שרייט: —
באַגראָבן! בלויז באַגראָבן!
טויט! פֿאַרניכטן! אונטערצינדן!
אַז מיר דאָ וועלן שוין פֿאַרשווינדן,
וועט ער דאָס קעפּל זיך באַקרענצלען
און גליקלעך זיך צוטענצלען
איבער אונדז אַזוינע און אַזעלכע,
כאָטש פּרעגט בחרם אים, אוועלכע?

מע ווייסט, — דער אַרבעטער, דאָ הי,
באַדאַרפֿט נישט אונדזער פֿידלען, אונדזער פֿלייטלען.
ער טוט פֿאַר אונדז דעם פֿאַרהאַנג אַ פֿאַרצי
און די טירן אויף די קייטעלעך פֿאַרקייטלען.
און אפשר איז ער טאַקע אויך גערעכט, —
צו לאַנג שוין, אַז מיר האָבן דאָ פֿאַרנומען
די טונקלקייט, די שאָטנס פֿון די נעכט,
אַז מע זאָל איצט קאָנען קומען
מיט ליכטיקייט צו זיינע שוועלן, —
סיידן אפשר זיך די פּנימער פֿאַרשטעלן
מיט מאַסקעלעך פֿון רויטינקע פּאַפּירלעך
און גנבענען צו אים זיך דורך די הינטערטירלעך,
ווי עס טוען דאָ ביי אונדז אַסך אַזוינע,
כדי צו קריגן פֿאַרן אייגן וואָרט אַ קונה.

ר׳ איציק פעפערן איז גוט, — ער קוועלט, —
אַ רויטע ערד האָט אים געבוירן
און אים דערלאַנגט אַ ברייטע וועלט.
און מיר, וואָס שלעפּן אום זיך דאָ פאַרלוירן
און טאַפּן אין דער פינצטערניש דעם וועג, —
צו וואָס־זשע זיינען מיר עס דאָ געגליכן?
יענער, ווער עס טרייבט אַן אויטאָ אויפן וועג,
קאָן נישט פאַרטראָגן דעם גייערס קריכן
און גרייט איז ער אָפּט איבער אים אַריבערפאָרן.
ר׳ איציק פעפער בלאָזט דעם האָרן
פון גרויסן אויטאָ זיינעם און שטיל זאָל זיין און שאַ!
ר׳ איציק פעפער פאָרט: — הוראַ! הוראַ!
אַ רויטער שטערן פינקלט אויף זיין היטל
און אין זיין האַנט אַ בויגיק ריטל.

באָטש שטייט אין אַ סאַלוט צום קאָמיסאַר
און שרייט „יהא שמיה רבא, גרויסער איציק!"
וואָלט נישט געווען אין דעם אַזויפיל צער,
וואָלט דאָס געווען גאַנץ היבשלעך וויציק.
דער רויטער שטערן אויף זיין היטל
דערגרייכט ביי אים אַזש ביזן דאַשיק,
ער פּאָכעט אין דער לופט דאָס ריטל
און גיט באַפעלן פלינק און ראַשיק:
— אָט דעם אַהער! און דעם אַהין!
עס ווייסט אַזוי, דאָס קברנ׳דל, וואוהין
יעדן איינעם אין זיין קבר צו באַשטאַטן.

אָהאָ, ער איז אַ יאַט פון יענע יאַטן,
וואָס ווייסט גענוי פּונקט אויפן זייגער
אויף וויפיל יעדערער ביי אונדז איז אַ חושך־טרעגער.

ר ׳איציק פאָדערט גיין אין טראַט
און שפּאַנען זאָל מען פריילעך מונטער, —
ר׳ איציקס וואָרט איז אַ געבאָט,
ווייל זיין ריטל פּיצקעט אונטער, —
נו, שפּאַנט־זשע, ברידער, שפּאַנט און שפּאַנט,
כאָטש מיר ביי אונדז איז יעדער אבר,
אַז נישט האַלט דאָרט זיין האַנט
פאַרגרייט פאַר אונדז אַ קבר.
נו, שרייט־זשע אַלע הויך און היציק:
„יהא שמיה רבא, גרויסער איציק", —
אוי, אפשר וועט ער וייכער ווערן
און זיך נישט אייגן צו פאַרצערן
אונדזער לעבן פון דער גרויסער ערד,
וואָס אים אַליין, נאָר זי געהערט.

דער אַרבעטער דאָ הי באַדאַרף אַביסל ליכט?
נו, יאָ, נאָר וואו־זשע זאָלן מיר דאָס נעמען?
די זון איז דאָ אין אַ טומאַן געדיכט
און מיר? נישטאָ זיך וואָס צו שעמען!
מיר זיינען אויסגעפּרווירענע דאָ הי.
און אַז די זון וועט גרייכן אונדזער גרעניץ
און אונדז אַ גלעט טאָן מיט איר גלי,
וועלן מיר איר מיט אַ מידן געניץ

א דאַנק אַזאַ אַנטקעגן טראָגן, —
אַז נישטאָ קײן באַן, פֿאָרט מען אויף אַ וואָגן,
נאָר בעסער איז אַן אײגן שטיקל זאָפּע, —
אַביסל וואַרעמקײט געפֿינען מיר אין קאַפֿע
אין די אָונטיקע רעסטאָראַנען,
אויב אַ ניקל איז אויף דעם פֿאַראַנען.

ר׳ איציק פּעפּערן איז גוט און וואויל
און גוט און וואויל איז אויך זײַן גלײַכן,
און מיר דאָ, נאַקעטע און הויל,
כאַטש אויף קעסט בײַ דעם פֿעטער, בײַ דעם רײַכן, —
דער פֿעטער אונדזערער, דער אָנקל סעם,
ער קוקט אויף אונדז מיט חידוש, —
די אידן האָבן דאָך אַ גרויסן שם
צו טומלען זיך און רעש׳ן זיך יאַרידיש,
און דאָ געגנומען זיך און אָפּגעזונדערט, —
דער אָנקל קוקט אויף אונדז פֿאַרוואונדערט
און גלעט דערבײַ זיך די לאַמפּאַסן, —
אַ טומל, אַ גערויש איבער אַלע גאַסן
און מיר מיט אונדזער טראָט, דעם שטילן, —
מיר שאַרן זיך, ווי מײַזלעך איבער דילן.

נו, וואָס־זשע שפּילן מיר עס נאָך אַצינד
אויף אָט די פֿידלען און די פֿלײטן?
זאָל שטיל דאָ זײַן און זאָל דער ווינט
אונדז אַלעמען פֿון דאַנען שוין באַגלײטן
צו אונדזער אונטערגאַנג, וואָס איז

פארחתמעט און פארקלעפט מסתמא,
און זאלן שוין ר׳ איציק פעפערס פיס
צעטענצלען זיך פון נחת און נחמה
און זאל ער זיינע הענטלעך רייבן
און זאל ער שוין אליין באזינגען און באשרייבן
די וועלט, וואס גייט אויף מונטער
מיט אים צוזאמען צו דער זון, וואס רויט, ווי צונטער
און זאל דערביי זיך גרויסן אומעטום זיין נאמען
יהא שמיה רבא, איציק פעפער, אמן!

ז. ווינפער

סידני שעלימיכל

ווער האָט עס כוח אויפצוגעבן די ביסלעך פרייד, די חיי־שעה
פאר עפּעס, וואָס וועט שפּעטער זיין און איז דערווייל נישטאָ?
סידני שעלימיכל האָט נישט. — דער טאָג, זאָגט ער, וואָס גייט, פאַרשווינדט,
און זיינע טעג פאַרשוואונדן זיינען, ווי אין פעלד דער ווינט.

אויף וואָס? — אמאָל האָט ער געטראַכט, אז אינם מאָרגן ליגט דער זין,
נאָר מאָרגנס זיינען אָנגעקומען און פאַרגאַנגען זיינען זיי, וואוהין?
דאָס לעבן גייט, די מאַרצעפּאַנעס האָבן אַנדערע געגעסן און נישט ער,
זיין גומען איז אַ צייט געווען, ווי אַ פאַרטריקנט שטיקל רער.

ווי וואויל איז אים וואָס איצטער קאָן ער קוקן שוין אויף יענער צייט,
ווי קאַפּיטאַן אויף שיף, וואָס איז פון שלעכטן וועטער שוין ארויס גאַנץ ווייט.
אַ קאַפּיטאַן?—ער טראַכט, אַז אָט דער טיטול איז דער ריכטיקער פאַר אים,—
דער ים ליגט אויסגעשפּרייט, איז שווים־זשע, סידני, שווים!

אָפּט דערציילט ער פון זיין יוגנט: קאָנספּיראַציע, אונטערערדישקייט, אַ פּאָן.
געווען איז דענסטמאָל פרייליך, נאָר וואָס־זשע האָט מען אויפגעטאָן?
און אַז מען האָט דעם צאַר דערשאָסן און סטאַלין איז ארויף,
איז וואָס־זשע מיינט איר? זיצט היינט אַ קאָמיסאַר אין גראַפסקן הויף!

יאָ, יאָ, אַ קאָמיסאַר. — אַזוי אָ שרייבט זיין ברודער אין אַ בריוו.
און ער אַליין, דער ברודער זיינער אַרבעט אין אַ קאָלעקטיוו. —
וואָס אַזוינס אַ קאָלעקטיוו איז, דערקלערט אונדז סידני שעלימיכל
און ווישט דערביי דעם שווייס פון פּנים מיט דעם באַטיסטן טיכל:

— אַ קאָלעקטיוו איז... איר פֿאַרשטייט נישט?... יעדער זאַך געהערט
צו אַלעמען אין דאָרף... אַז נישט איז מיטן ביקס! איז מיטן שווערד! —
וואָס, איר גלויבט נישט? טאַ נאָט און לייענט אײַך אַליין דעם בריוו!
ער איז מיין ברודער דאָך און ליגט אין דר'ערד דאָרט טיף.

עס רײַסט אַ קרעכצל זיך פֿון סידני שעלימיכלס ברוסט אַרויס:
נו יאָ, נישטאָ קיין אייגנס דאָרט. — מען בייט זיך דאָרטן אויס
מיט ווייבער אויך...היינט די און מאָרגן יענע...נאָר דאָס בין איך זיי מוחל,—
צעלאַכט ער פּלוצלונג זיך, אַזש ער כאַפּט זיך ביי דעם בייכל.

אַזוי־אָ, טענהט ער, אַזוי דערקלערט ער, וואָס סע מיינט אַ „קאָלעקטיוו" —
און אַז ער בלייבט אַליין מיט זיך, בענטשט ער יענע שיף,
וואָס האָט באַצייטנס אים אַהער אין גאָלדן לאַנד געבראַכט,
געוועזן אין אָנהויב שווער צו אַרבעטן ביי יענעם טאָג און נאַכט,

נאָר יענע צייט איז לאַנג אַוועק. ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעגרינט, —
נאָר צו וואָס דערציילן אַלץ? — מען זעט דאָס נישט אַצינד?
דער דימענט־רינג, די שפּילקע אינעם שניפּס, דער זייגער מיט דער קייט,
דער אָנשטעל זיינער — די ווערטער פֿון זיין מויל שלאָגן אין דער ברייט:

„מיין שאָפּ, מיין פֿעמיליע, מיין פֿרוי, מיין קאָרטנשפּיל",
כאָטש עס איז קיין סוד נישט, אַז ער האָט אויך אין דער שטיל
אַ שיקסעלע אַ בלאָנדס, וואָס קאָסט אים אַ פֿאַרמעגן אָפּ,
און היטן היט ער זי, ווי אַ מלך היט דאָס קרוינדל אויפֿן קאָפּ.

די וועלט איז נישט אַזאַ, ווי זי באַדאַרף צו זיין? קאָן זיין, אַז יאָ,
נאָר אַז אַ טאָג האָט מער נישט ווי פֿיר און צוואַנציק שעה,

און לויפן, לויפן זיי, די טעג, אזוי געשווינד, צו אַל־דע־שוואַרצע יאָר
און סטייק איז גוט, אַזוי דאָס ביסל ווײַן. און מיידלעך האָבן בלאָנדע האָר.

בפרט פּאָר שעלימיכלען — צוויי דריטל פון זיין לעבן זיינען מער נישטאָ,
איז ווי־זשע קען ער אויפגעבן די ביסלעך פרייד, די חיי שעה, —
אַזוינס צו טאָן בּאַדאַרף ער דאָך אַן אַכזר זיין צו זיך אַליין, —
ער טראַכט, אַז ברוגז זיין אויף אים דערפאַר, איז נאַריש און געמיין.

די רויטע פאָן? — נו יאָ. אַמאָל האָט ער צו איר געטריי געדינט, —
אַ יונגערמאַן געווען, און יוגנט איז בטבע נאַכגיביק און בלינד:
נאָר דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט דאָ אין לאַנד זיך כאַטש געכאַפּט,
אַז נישט וואָלט ער אויך איצט אַן אָרימאַן געווען און אַ וואַנט געטאַפּט.

נישט איינמאָל בלייבט ער זיצן און פאַרטראַכט זיך פון די יונגע יאָר.
ס'איז וואָר, — עס פעלט אים שוין דער יוגנט־ברען און אויפן קאָפּ די האָר,
ווייטער האָט ער אַלץ — הלואי אויף אַלע זיינע גוטע פריינט געזאָגט, —
אַ היים, אַ ווייב, אַ זון און אויף אַ שיקסל אין דער זייט אויך טראָגט.

וואָס איז? אַ זינד אַ שיקסל אויף דער עלטער אפשר, האָ? סידני שעלימיכל
רוקט טיפער זיך אין שטול אַריין, ער ווישט דעם שוויים זיך מיטן טיכל
און חשבונט אָט אַזוי: — די יאָרן, ווי די לאַסטוואָגנס שלעפּן זיך פאַרביי,—
יוגנט־טעג, אַ פאָן... געווען איז ער צו איר, ווי איצט צו זיין געשעפט, געטריי.

ס'איז אמת, אַז געביטן האָט די פאָן פאַר אים אָפּטמאָל דעם קאָליר:
אַ פריער רויט, דערנאָכדעם רויטלעך, און אַז ער איז געוואָרן אַ גביר,
האָט זי אַ מגן־דוד צוגעקראָגן און געוואָרן איז זי וויים און בלוי, —
אין דעם האָט זיך באַמיט שוין זיין ריסטאָקראַטישדיקע פרוי.

וועז נישט דער צופאַל מיטן שאַפּקעלע אין צייט פון גרויסן קריג,
וואָלט ער אויך איצט געהאַוועט אויף דער וועלט, ווי א הינטל פון א שטריק,
צוזאַמען מיט די אָפּגעריסענע אויף גאַסן פון דער גרויסער שטאָט.
ער זאָגט צו זיך: פאַראַן א האַנט, וואָס פירט און זי האָט איר געבאָט.

נישט מער דער קריזיס איצט, האָט אויך זיין שאַפ נישט אויסגעלאָזט,
נאָר דאַנקען גאָט, ער האָט פון אים דערוואַרגן זיך איינגאַנצן נישט געלאָזט;
געבליבן זיינען נאָך די אייזנשערס און ווערטפול זיינען די רעגירונגס־באָנדס,
ער דאַרף זיך נאָך דערווייל נישט אָפּזאָגן פון שיקסעלע, דעם בלאָנדס.

דערצו האָט ער געהערט פון קלוגע לייט: — א סברה איז פאַראַן,
אז א נייער קריג וועט מערצעשעם זיין צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן, —
א נייער קריג! — די בליקן זיינע, ווי מיט בוימל אויסגעשמירט, —
א נייער קריג וואָלט דאָך די וועלט פון קריזיס באַלד אַרויסגעפירט.

אזוי־אָ שמייכלט ער: און זעט ער ווען־נישט־ווען אויף ברייטן סקווער
א יונג, א פאָן און מענטשן ציען זיך און קומען מער און מער, —
דער יונג מאַכט קולות, די פאָן צעווייעט אין דער זון, זי רופט, זאָגט אָן
גאָר אן אנדער קריג, — טראַכט ער: — ליידיקגייערס, האָבן גאָרנישט
וואָס צו טאָן!

ער חקירה'ט: און אז סע דאָ אביסל אַרבעטלאָזיקייט אין לאַנד, איז וואָס?
איז דען אין רוסלאַנד אצינד עפּעס בעסערס דאָ, ווי אָט־אָ דאָס?
ער טוט די ברילן אָן, לייענט נאָכאַמאָל דעם ברודערס בריוו
און שמייכלט: שוין בעסער נעמען שטיצע הי פון דעם „רעליף".

נעכטן אָוונט האָט ער מיט זיין הוציע־טוציען אין א ביסל פרייד פאַרבראַכט,
דערציילט איר, אז דאָס ווייב זיינס מיינט: — א מיטינג היינט ביינאַכט;

געפעשטשעט זיך פאַר איר, אַז ווייב דאָס אייגענע איז שלעכט,
און זי האָט אים געטרייסט: „אוי, טאַטעלע, ביסט גערעכט".

אָך, הוציע־טוציע! ווי ליב זי האָט געלעקט די ביינדלעך פונם ראַק!
דאָס יחיד־שטיבל איז געווען באַלויכטן לויט זיין אייגענעם געשמאַק.
נישקשה פון אַ וועלטל, כּל־זמן אין קעשענע די גרינע בלעטעלעך פּאַפּיר, —
סידני שעלימיכל שמייכלט און טוט זיך אויפן שטערן מיט דער האַנט אַ פּיר.

נו, ווער־זשע האָט עס טאַקע כּוח איבערלאָזן דאָס, וואָס איז פאַראַן
און פאַר עפּעס, וואָס וועט שפּעטער זיין, זיך איינשפּאַנען אין שפּאַן?
סידני שעלימיכל קייט אַ שטיקל עוף און טוט אַ גלעזל ווייַן אין מויל אַ קער,
וואָס איז צו איבעראַנדערשן די וועלט איז ער געקומען דאָ אַהער?

אַמאָל, אַמאָל האָט ער אַזוינס, אַזעלעכס דווקא יאָ געקלערט, —
אַמאָל, אַמאָל, — ווער זאָגט עס, אַז ער איז אַן אַלטער און אַ פערד?
אָך, יאָ, דאָס ווייב זיינס זאָגט, זיין זון טראַכט אויך מסתּם אַזוי,
נאָר אים פאַרדריסט בלויז, וואָס ער איז שוין אָפּגעבליאַקעוועט און גרוי.

אָפּגעבליאַקעוועט? נו, מילא, נו. — דינע שיקסל־פינגער גלעטן אים אַצינד,
אַביסל שפּעטער וועט זיין ווייב אַ בלאָז טאָן איבער אים מיט ווינט,
עס וועט, ווי קאַלטער שניי אויף אים זיך שיטן אירע רייד,
און ער וועט קנעפּלעך שפּיליען פון די קליידער שיכּורערהייט.

דאָס בייזע ווייב, דער יונג אויף סקווער, — אַ דראָענדיקע שטים;
סידני שעלימיכל זעט אַ פויסט, וואָס ציט זיך שאַרף צו אים, —
אויב נישט קיין נייער קריג, איז ווידער קבצן, ווידער קאַמף פאַר ברויט,
אוי, איידער אַזאַ לעבן, איז אפשר בעסער טאַקע שוין דער טויט.

נאָר טויט, — דאָס איז דאָך אויך, וואָס וועט ערשט שפּעטער זיין,
און איצט איז דאָ אַ סטייק, אַ שיקסל און אַ קרוג מיט וויין,
איז וועד־זשע האָט עס כוח אויפצוגעבן דאָס ביסל פרייד, די חיי־שעה
פאַר עפּעס, וואָס וועט שפּעטער זיין און איז דערווייל נישטאָ?

אַמאָל, אַמאָל האָט ער אַזאַ מין כוח יאָ געהאַט אין זיך, —
די הויזן אויסגעריבענע, אַ ברודיק העמד און צודרייטע שיך.
קיין שטיקל ברויט צו זעט און נאַכטלייגער ערגעץ אין אַ שטאַל,
געלויכטן האָט אין אים די רויטקייט פון דער פאָן, דאָס ליכט פון אידעאַל!

נאָר איצטער האָט ער קיין כוח נישט, — די הונגעריקע יונגט־טעג.
זיי שרעקן אים, ווי בוצעבאָס דערשרעקן קינדער אויף דעם אָוונט וועג. —
העי, הוציע־טוציע, קומט אהער צו מיר! גיב דיין קעפּעלע דאָס בלאָנדס
איך האָב נאָך אייזנשערס און ווערטפול זיינען די רעגירונגס־באָנס !

זיין קאָפּ איז ווי אַ דרייענדיקע ראָד... מאָרגן וועט ער אין אַ בריוו
צום ברודער זיינעם, וואָס געפינט זיך דאָרטן אינם קאָלעקטיוו,
שרייבן, אַז סטאַלין איז אַ יאָלד. — אַזוי אַ שווערט זיך סידני שעלימיכל
און ווישט דערביי דעם שוויס זיך מיטן ווייסן טיכל.

נאָר מאָרגן האָט ער דעם בריוו צום ברודער נישט געשיקט, —
די נייעס אין דער ציימונג האָט אים אויך, ווי אַ טויטן האָן ארומגעפליקט
און ווען ער האָט אויף ברייטן סקוועער דעם יונג ביי רויטער פאָן דערהערט,
איז ער גרויער נאָך געוואָרן און קאָפּ געבויגן צו דער ערד.

ז י

מיט גליווער און בליק צו דער וואָר,
וואָס איז רואיק געלעגן אין ארון, —
די זון האָט געגלעט אירע האָר
און ער האָט געגלעט איר זכרון.

פארגאַנגענע טעג און די נעכט,
ווי גליאיקע קוילן נאָך גליען, —
זי וועט אירע טעג און די נעכט
אין שווייגיקן גליען דערציען.

זיין אָפּשיין אויף איר איז באַהיט
אויף בלעטלאך פּאַפּיר צווישן טאָוולען, —
זיין שורה ,זיין וואָרט און זיין ליד,
נישטאָ, דאָרט קיין טרערן, קיין אבל'ען.

כל־זמן ס'איז געבליבן דער גלי,
איז ער נישט אינגאַנצן פארשוואונדן, —
ווי וואויל, — געוועז איז זי די,
וואָס האָט אים דאָס פייער געצונדן.

מיט גליווער אויף דעם, וואָס געווען
און איז איצט נישט מערער,
נאָר זי האָט אים אלץ נאָך געזען
אין לופט, אין דער לערער.

ער

אזוינע, ווי ער
זיינען ווייניק,
מיט איינעם, ווי ער
איז מען אייניק.

דו טאַפּסט אויפ'ן וועג
מיט דיין שטאָק
און איך גיי מיין וועג
נאָך א גלאָק.

און ער איז דער וועג
און דער שטאָק,
און ער איז דער וועג
און דער גלאָק.

זיין בליק און זיין שטים
זיינען הוקן,
דער וועג איז אויף אים,
אויף זיין רוקן.

ז. ווײַנפּער

מיט איינעם, ווי ער
גייט מען גיכער,
מיט איינעם, ווי ער
איז מען זיכער.

פארטרוילאך און בלינד
צו זיין ווילן,
דורך רעגן און ווינט
און צו צילן.

אינהאַלט

* * * 5
שטורעמווינט 9
אויפֿין וועג אַהין 10
פֿאָעטן און עסטעטן 11
אין יענעם לאנד 13
אונדזער וועלט 15
דאָס געזעענע און געשעענע 17
אונטערשייד 18
גאָרנישטנישט 19
ברודער מיינער 22
פֿאָרזיכטיק ברודער 24
טרויער 27
דער פּלאַן 28
דער אָקס אין יאָך 32
פריידל - פרייד 33
דער איצטיקער דור 34
די בעטלערין — די איינזאַמקייט 35
אונדזערע איצטיקע טעג.. 38
בירא־בידזשאַן 41
אונדזער שכן יאַפּאַן 43
ארויס מיט די פאקלען 45

מיסטעריע 49
אַ בושה צו דערציילן 51
אני מאמין 53
שיינקייט 54
געבורט 55
ערד 56
דער איינזאמער פישער 57
דער דייגער 59
אונטערוועגנס 61
אַ צייט אַזאַ 63
זילבער 65
אומרו 66
איינאונאיינציקע מינוט 70
ליכט 68
מאַמע 72
פארפאַלען 74
רחמנות 77
פרייד 78
כשוף 80
לאַנגווייל 81
שטראָף 82
מיינע נישט דערערדטע רייד 84
פון ערגעץ און אומעטום 87

דער וואגאבונד 99
דאָס נזירל 102
דער מפונק 105
דער מענטש 107
שבת קודש דיכטער.. 109
דער לערער דערציילט 113
פּאָרטרעט 119
יהא שמיא רבא 121
סידני שעלימיכל 128
זי 134
ער 135

POSY-ROSENBLOOM-SHOULSON PRESS, Inc.
19 West Twenty-first Street
New York, N. Y.
234